START

CONTROL TEST TARGET
for Kodak Quality Monitoring



Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww Xx Yy Zz

Aa Bb Cc Dd Ee Ff Gg Hh Ii Jj Kk Ll Mm Nn Oo Pp Qq Rr Ss Tt Uu Vv Ww

Note: This target is intended for routine quality control checking and uniformity.
It is not to be used for certification of meeting any ANSI or ISO Standards for image quality requirements.
Note: To record background density, use a blank sheet of white paper.

Document Imaging
EASTMAN KODAK COMPANY
Rochester, New York 14650
1-800-232-8811

DOCUMENT IMAGING

A-2289 CAT 800 7403 Rev. 2/00 @ Eastman Kodak Company, 2000 Printed in U.S.A.

Microfilmed 2004
By the
Center for Jewish History

For
YIVO Institute
For Jewish Research

NEW YORK, NY

Reproduction may not be made
without permission.

YIDDISH DRAMA

PRESERVATION PROJECT

YIVO
LIBRARY
REEL
Y-2004-1873.1

Richter, Moses.
Sholem-bayes, oder,
Layden un ayferzukht
: lebensbild.
Lemberg, 1905.

BIBLIOGRAPHIC RECORD TARGET

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH

Master negative Storage Number Y-2004-1873.1

Richter, Moses, 1874-1939.
Sholem-bayes, oder, Layden un ayferzukht : lebensbild.
Lemberg : Ferlag des ferfasers, 1905.
69 p.

1. Yiddish drama.--lcsh
I. Ukraine-Lviv II. Yiddish books from the Harvard College Library; YI 0048.

ID: NXYH01-B3832 CC: 9114 DCF: [HBR]
CALL: /106059

Reduction ratio x 10.0

259

שלום בית

אָדער

לײַדען און אײפערזוכט

לעבענסבילד אין 4 אקטען.

פאָן

משה ריכטער.

לעמבערג, תרס"ז.

פערלאַג אונד אייגענטהום דעס דוד ראָטה, בוכהאַנדלונג לעמבערג.

דרוק פֿון יוסף פֿישער קראקוי, (גראָדגאַססע 62).

BT- B3892

שָׁלוֹם בַּיִת

אָדער

לײַדען און אײפֿערזוכט

לעבענסבילד אין 4 אקטען.

פֿון

משה ריכטער.

YIVO JEWISH SCIENTIFIC INSTITUTE NEW YORK
10659

לעמבערג, תרס"ז.

פערלאג אונד אייגענטהום דעס דוד ראָטה, בוכהאַנדלונג, לעמבערג. — דרוק י. פישער, קראקא.

ШОЛОМЪ БАІТЪ т. е. СЕМЕИНЫИ ЛАДЪ

или Горе и ревность,

Драма въ 4 дѣйствіяхъ соч. Морица Рихтера.

Издаміе и собственность Д. Рота книжный магазинъ во Львовѣ.
Типографія I. Фишера въ Краковѣ.
1907.

Perl.
2301D

פערזאנען:

ר׳ ניסעלע פייער, א עושר, א חסידישער מענש, נערוועז און [illegible], 60 יאהר אלט.

פעשע, זיינע פרויא, א חסידישע יודענע 55 יאהר אלט.

מינדעל, 30 יאהר ברײנדעלע, 25 יאהר איידעלע, 17 יאהר	זייערע טעכטער

יעקב משולם, הייסער, פערטיעסטער חסיד, מינדעל׳ס מאן, 30 יאהר אלט.

אהר׳לע גוטהערץ, ברײנדעלע׳ס מאן, א משכיל, 28 יאהר

דבורה, ניסעלע׳ס א שוועסטער, א אלמנה, 45 יאהר

יענקעלע אפענבאך, ניסעלע׳ס א שותף, 60 יאהר

יוסעלע וועלענפריינד, אהר׳לעס הויזפריינד, 40 יאהר

ארטשי, אהרלעס א קריב, 30 יאהר

פייוועלע, 8 יאהר יודעלע, 7 יאהר	אהר׳לעס צוויי יונגליך.

חסידים, יודען, רב, דיענסט, דאקטאר, בעל־עגלה.

ארט דער האנדלונג: גאליציען.

ערשטער אקט.

(א יודיש נגידיש צימער. — טישען אויסגעשטעלט צו א שמחה. — דבורה ניסעלעס שוועסטער ריכטעט דיא טישטיבער, שטייבט אב, שטעלט אוים, רעשט זיך וויא א מחותנתתי. — אויפטריט ארטשי מיט א קארב פלעשער וויין און שנאפס, שטעלט אנידער, נעמט א שטאפענציעהער און ציהט ארויס א קארק פון א פלאש — דבורה אב).

ארטשי: (ארויסגעצויגען א קארק — פארזוכט) ז. ס. כער־וין אויף דעם ווייבערישען טיש. (ציהט ווידער א קארק. עס געהט שווער) גי ויבט אין גאט א שמחה — עה דער רוח זא דיך חאפען. די פארקארקעווען עפים אזוי א פלאש, אז מען מוז זיך ניט אן עסען א שיסעל טשיפקים מיט באבעלעך, אז מען זאל קענען א שטאפיק ארוים שלעפען (ציהט ארויס, פארזוכט) א זיסער ליקיער, אויף דעם טיש פונדיא נשים צדקניות וועגען. (אויפטריט דבורה מיט אויפוואַרטערס, טארטין, לעקעכער — שטעלט אוים — ארטשי ציהט ארויס, עס געהט לייכט) קוים א מאל בשלום גרינג איבערגעקומען, (פארזוכט אין פארהויסט זיך) א וואי, א גיט ביסעל — און אמת׳ר אכציגער יין שרף — אה דאס געהט פאר דעם כלי קודש וועגען — פון דעם וועט דער רב, מיטן חזן, מיט אלע הייסע חסידים מאכען א שהכל. — און טאקע ר׳ יעקב משולם וועט דאריבער שטרעקען א ברייטען לחיים צו זיינע חסידארניקעס.

דבורה: ארטשיניא! לאך נאר נישט אוים יעקב משולם׳ען, דאס אי שוין איין אמת כשר קינד. — געלויבט איז דער וואס איבער אונז איז הלוואי מיין דאצעלען אזא כשר׳ן מאנן — נחת און פרייד ביא מיין איינציגען ברידער. מיר וועמער דאך נישט מעהר ווי מיר צוויי — ער ניסעלע מיין איינציגער ברידער. ער זאל מיר זיין געזונד און שטארק און איך זיין איינציגע שוועסטער. איך זאל איהם זיין געזונד און שטארק. — הערסטו ארטשי. מיין ניסעלע מעג יא זאגען, אז ער האט

תורה און סחורה און געפּיטצטע שטיוועל... איין עושר. קיין עזהרע 3 טעכטערליך. קיין עזהרע פּרינצעסים — אוודאי א קדיש האט ער נישט. נו וואס איז דער מעהר? ביז 120 יאהר וועט יעקב משולם'ס קדיש מעהר אנמאכען וויא פון צעהן זיהן. וואס הייסט? וועלכע יודענע איז נאך אהיים געגאנגען פון דער מקוה, זיא זאל נישט אב טרעטען אין קלויז א קיק טיהן אויף יעקב משולם'ען, און זאגען: רבש"ע, באשער מיר פון היינט אזא קדיש, וויא ער איז — און היינט אהרלע זיין צווייטער איידעם.

ארטשי: המבדיל בין טומאה לטהרה.

דבורה: וואס זאגסטו דאס ארטשי? אהרלע איז חלילה א אפיקורס.

ארטשי: ניין! פארקעהרט. אהרלע זאגט אז יעקב משולם איז א גראבער יונג.

דבורה: פא זאלסטו ווערן מיט דיינע רייד. — טאקי אהרלען מיין איך. שוין אפילו היינט וועלטיש, וויא רופען איהם די חסידים, א מתחיל —

ארטשי: (ציהט ארויס א קארק און צולאכט זיך): וויא אזוי זאגט איהר מומע דבורה? א מתחיל — א משכיל זאגט מען.

דבורה: וואס איז מיר פאר א חילוק? —

ארטשי: עה עס איז שוין איין גרויסער חילוק, א מתחיל הייסט איינער וואס הייבט אן צום ערשטין, למשל ראש השנה דער וואס שטעלט זיך פארין עמוד צום ערשטען דאווענען, דער הייסט א מתחיל — אבער א בעל מעלה אזא שטייגער וויא אונזער אהרלע הייסט א משכיל —

דבורה: לאז זיין אזוי — און היינט ביא דער מוזיקע מאכט מיין נישאלע איין הויפטרעפער — און געליבט השי"ת מיר האבען דאס דערלעבט. ר' יענקעלע אפגעבאך מיין ברידערס שותף, ווערט נישט פאר דיר געדאכט איין אלמן; און האט ערקלערט מיין ברידער, אז איידעלע געפעלט איהם. און אט זעהסט דאך, קיין עזהרע וואס דא טהוט זיך, האבען מיר ב"ה היינט תנאים.

ארטשי: צו מיר איז רעכט. דאס ר' נישעלע גיט איידעלען א יוד פון 60 יאהר, צו זיין... מיך נישט קיין דעות. אבער פאר וואס

מען מאכט היינט ביי נאכט תנאים און מען וואַרט נישט אויף אהרלען. ער קומט דאך א"ה פרייטיג צו פאהרען, אה דאס ארט מיך, ווייל א יעדער ווייסט, אז אהרלע האט ליעב איידעלע גלייך וויא זיא וואלט געוועזען זיינער א שוועסטער, ווייל ווען אהרלע איז דא, וואלט ער דאס נישט דערלאזט, איידעלען צו פאר־קנסין מיט א ווידען, און היינט, חאפּ, לאפּ, צאפּ. זונטאג איז ערשט ר' יעקעלע אויפגעשטאנען שבעה, און שוין היינט דיענסטיג תנאים, און צו שלשים א חתונה, און אפשר נאך צו ניין חדשים א ברית — מומע דבורה, מיר געפעלט עס נישט.

דבורה: חכם לבוש. אט וועט מען דיך פרעגען שאלות און עצות. מיין ברודער זאל לעבען ווייסט ב"ה וואס ער טהוט. ערשטענס איז ר' יענקעלע זאגט מען א מיליאנער. און טאקי צווייטענס, וויל מיין נישעלע אב טהון, ווייל איך האב מיין ברודער געעפענט די אויגען, אז אהרלע מיט איידעלען וועגען עפּיס פון טאג צו טאג מעהר שמעלקי — און טאקי דער פאר דארף א טאטי צו פערהיטען ביידע קינדער.

ארטשי: איי מומע דבורה, מומע דבורה — נעמט איין א לויט שטימעניש — ווער עס קען אייך נישט מיט אייערע פאטשטין, אייערע רכילות, מיט אייערע דיגענט. פאר וואס? ווייל אהרלע לאזט נישט אבקויפען א קינד פון 17 יאהר מיט א יעקב משולם'ען, מיט אזוי א גראבען יונג, צו מיט אזא אלטען פּיטאטש. ווייל אהרלע זאגט אז איידעלע איז א דימיט, א ברילאנט, א געראטענע פּרי — און איבער א גוטער פּרי דארף נור א מענש א ברכה מאכען.

(איפטרים פעשי, א שיינע יודענע, חסידיש, מיט פיעל צידונג.)

פעשי: פארכסט זיך. שוועגערין לעבען, אס מרצה־השם ביי דיין ראצעלען מיין רעכטען זיוג, וועל מיר דיר אבדיענען אין פריידען. וויא געפעלט דיר דאס דבורהניו. (מיט פריידע) מיין נישעלע איז אריין געגאנגען צו איידעלען און איהר דערצעהלט פון איהר מלוכה־שאפט, האט זיא איהם געענטפערט, עס זאל זיין מיט מזל —

דבורה: ווייסטו פאר וואס? ווייל אהרלע איז נישט דא.

ארטשי: (פאר זיך) א פערשטומט וואלסטו ווערען.

דבורה: האט זיא דיר געזאגט, עס זאל זיין מיט מזל. נוא, אז טאקי זיין מיט מזל.

פעשי: יא! זיא וויל אבער נישט היינט די תנאים. נור מען זאל אבלייגען אויף שבת־צו־נאכטס, ווען אהרלע וועט זיין.

ארטשי: (פאר זיך) א לעבען זאל אויף איהר קומען, ווי זיא האט שכל.

פעשי: (דערזעהט ארטשין) ארטשי! גיב נור שנעל אלייף אריבער צו יוסעלע וועלענפרייד, מיר האבען פערגעסען איהם צו בעטען. געה שנעלער (ארטשי אב) — און אז אהרלע וועט קומען...

דבורה: איז נייער בעסער, וועט ער צו שלאגען דאס גאנצע עסק.

פעשי: און דא געהט מיין ניסעלע, נור היינט בייא נאכט די תנאים צו מאכען, טאקי איידער אהרלע קומט צו פאהרען. (ניסעלע לאזט זיך הערען פון צווייטען צימער. ערשיינט, חסידישער שפהנער יוד, דאס געזיכט בלאס, קרענקליך, בלאנדער לאנגער בארד, ערנסט און שטרענג און רעד הויך).

ניסעלע: פעשי! געה דיר צו איהר אריין, זאג איהר, איך בעט זיא זאל מיר נישט אן טהון קיין עגמת נפש. איבער הויפט איז אהרלע נישט איהר אפיטרופוס. איך לעב. און אז איך האב געזאגט יא, וועט זיין יא. איבערהויפט האב איך מיך נישט פערלאזט אויף מיין אייגענע דעה איך האב מיך מיישב געוועזען מיט'ן רב. און אז דער רב האט געזאגט יא, וועט בוודאי זיין יא. איך זעה בחוש, אז עס איז מן השמים. און דער אייבערשטער האט געזאגט יא, וועט בלי שום ספק זיין יא. וויל זיא מיך, מיט'ן רב, און מיט'ן רבש"ע הערען ווי די קאטץ, און אז דער משכיל וועט זאגען ניין, וועט זיין ניין? פעשיניו, געה צו איהר, דבורה'ניו געה אויך — טענה'ט מיט איהר, גיט איהר צו פערשטיין, אז זיא איז נאך א יונג קינד, מיט גאנץ קליינעם שכל, זאגט איהר, אז יעדער מענש האט איין שעה אין זיין לעבען, וועלכע ער קען זיא אויסנוצען צום גליק, און קוים פערשלאפט ער די א שעה, איז דער, נאך א שאד זיין גאנצע טרחה — קלערט איהר אויף פון איהר מלוכה־שאפט, וואס זיא ערוואַרטעט, און זיא זאל מיך נישט מבייש זיין. (ויי געהען אב

של נעהט זיי נאך און רעד צו זיי ביז צו דער טהיר). ערשטענס רעדט מיט איהר מיט גוטען און אז איהר וועט נישט פועל'ן, אזוי זאגט איהר, אז די קען מיך, אז מיט (זיי ביידע אב — און ער שרייט נאך) פעטשי, קלעפ, צובאהרלען און די תנאים וועלען היינט זיין (ער געהט ארום אויפגערעגט. וועצט זיך. הענקט א ביטעל טאך). רבש"ע מיין מוהן (הייבט זיך אויף און געהט אביסעל איבערן צימער. וועצט זיך צוריק). יא נור מיט בעל־ברחו. בע"כ אתה נוצר—בע"כ אתה נולד — בע"כ אתה עתיד ליתן דין וחשבון. יא, נור מיט בע"כ. אנדערש קען מען מיט דעם מענש נישט אויספיהרען... (וויל זיך ווידער אויפהייבען. אויפטריט יוסעלע וועלענפריינד, ער ערבליקט איהם) אה! ברוך הבא ר' יוסעלע וועלענפריינד!

יוסעלע: ברוך נמצא! און א גוטען אבענד אייך ר' ניסעלע!

ניסעלע: עכ"פ אגיטער פריינד איז תמיד גיטער פריינד. וועצט אייך ר' יוסעלע — איהר האט אייך מקדים געוועזען, געקומען פריהער צוייא שעה, עפיס צו צוהעלפען. וואס האט מען אייך עפיס פון שבת אן נישט געזעהן? און וואס זאגט איהר ר' יוסעלע צו מיין אידעלעס גליק?

יוסעלע: דאס האט איהר אויך רעכט, מיין ליעבער ר' ניסעלע. וואס איהר זאגט, איך האב מיך מקדים געוועזען מיט צוויא שעה פריהער, ווייל אפשר איז נאך עפיס דא צוצוהעלפען. בין איך געקומען, ווארען א אמת'ר גוטער פריינד קומט נישט דאמאלס ווען עס איז שוין שפעט, ווען עס איז שוין נישטא וואס צו העלפען. איהר פערשטעהט מיך ר' ניסעלע? א קלאנג איז ארויס אין שטאט, אז ר' יענקילע אפענבאך וויל אייער אידעלען — האב איך בייא מיר געטראכט, אז איהר זייט ביידע נישט קיין נארגים, ער איז נישט קיין נאר, וואס איהם געפעלט אידעלע — און איהר וועט נישט זיין קיין נאר, איהם זיא צו געבען. נור ווייא ארטשי איז אצינד אריין געקומען צו מיר. מיך געבעטען אויף די תנאים, דאס הייסט ווי איהר זאגט, צו אידעלעס גליק. א וודאי ווי איהר בעטראכט מיך אליין אלס גוטער פריינד, בין איך געקומען אייך אב געבען מזל־טוב פאר אלע אייערע גוטע פריינד. — נור אויף דעם שידוך, ר' ניסעלע, איז דא נייער א סך קשיות.

ניסעלע: מיך קשיות פרעגען? מיך האט קיינער קיין קשיות צו פרעגען, און איבערהויפט איז אויף יעדער קשיא דא צעהן תירוצים.

יוסעלע: איך פסקן מיר צו, אז איך האב יא א רעכט אייך קשיות צו פרעגען. ראשית בין איך אייער ידיד פון אייביג אן, און ווער האט אייך געגעבען אהרלען פאר א איידים, ווען נישט איך?

ניסעלע: לאז ער זיך מיט מיין ברייגדעלען עלטערן ביז 120 יאהר, נור אייך וואלט איך געוועזען געדאנקט פאר דעם גוטפריינדשאפט.

יוסעלע: (שמייכעלט): ר' ניסעלע! מיר וועגען דא צווישען 4 אויגען, איהר ווייסט אז איהר האט נישט דעם ווערטה, זיך צו רופען אהרלעם שווער. איהר ווענט א מבין אויף אהרלען? פונקט וויא דער מדרש זאגט: א האהן האט געפונען א טייערע פעריל, האט דער האהן געטענה'ט צו דער פעריל, וואס האב איך פון דיר פעריל? איך האב בעדארפט אויף דיין ארט א זערני האבער. און דיך האט געדארפט צו געפונען א מענש — איהר פערשטעהט מיך, ר' ניסעלע? די טהייערע פעריל האט א חסרון, וואס קיין מענש האט זיא נישט גיטראפען.

ניסעלע: אה, תמיד איהר מיט אייער השכלה, מיט אייערע חקירות, וועה איז מיר. רבונא דעלמא כולא — ווער האט מיר מיין גאנצען כבוד געמינערט און שטאט מעהר וויא ער? א יעדער איינער רייסט פון מיר די הויט: ר' ניסעלע! ביי אייער איידעם טרעפט מען דעם „התועה" פון דעם רשע סמאלענסקי, דעם „שתי הקצוות" פון דעם אפיקורוס ברוידעס. און נאך א וועלכע ספרים חיצונים פון א וועלכע רשעים גמורים. אה, ר' יוסעלע, גאט זאל אייך דער פאר בעצאהלען!

יוסעלע: (שמייכעלט): רשעים; רשעים גמורים! וועהט איהר א ודאי וועגען זיי נישט געווען קיין צדיקים מיט גוטע יוהן צו נעהמען קוויטליך צו בעשווינדלען א האלבע וועלט בלונדע חמורים, וויא איהר ווענט. אמן, אמן! גאט זאל מיר פאר אייך בעצאהלען מיט מדה כנגד מדה. און מיר באשערין פאר מיין טאכטערס וועגען אזא אבן טוב, ווי ער האט אייך נעביך הערמיט געשטראפט. ר' ניסעלע! הערט מיך אויס. איהר

ווייסט, איידעלען האב איך אויף מיין שוים ערצויגען, און איך בין דאך יא א מאל אייערס א יועץ. זאגט מיר, וואס פאר א מציאה האט איהר אין ר' יענקעלע אפענבאך? א יוד, וועלכער פאסט צו זיין איידעלעם א טאטי, און אפשר א זיידע! זיין עשירות דארף אייך נישט איבערראשען, איהר ווענט ב"ה אליין א גביר, און אז ר' יענקעלע אפענבאך איז געפעלען צו נעהמען א בתולה פון 17 יאהר, זאל ער בעסער נעהמען א וועלכע, וואס ער וועט זיא אויפרעכטען מיט צירונג, מיט א היים, מיט עסען, מיט עשירות. און איך מיין, איידעלע דארף נישט זיין עשירות, ווייל גאט האט זיא מזכה געוועזען מיט א טאטין א עושר.

ניסעלע: (קלערט א ביסעל נאך) יא, יא, איהר האט אפשר טאקי א ביסעל רעכט ר' יוסעלע... בעסער זאגט איהר א מיידעל, וואס זיא דארף צירונג, עשירות, עסען א היים... (דענקט נאך), יא, יא, איהר האט רעכט (הייבט זיך אויף פון דעם זעסעל). אבער איהר וועט דאך דא זיין אויף די תנאים?

יוסעלע: זעצט אייך נור צוריק ר' ניסעלע; מיר דאכט זיך איהר האט מיך שלעכט פערשטאנען, זעהר שלעכט. איהר פארשטעהט, ר' ניסעלע: מיין טאכטער האט ב"ה ביי מיר א היים, זיא נישט קיין סאלאנען, אבער ב"ה א שטיב מיט א דאך. און מיין טאכטער האט ביי מיר גאט זיי דאנק עסען אויך. אפשר נישט קיין מלינטשעס מיט צוקערבעקעריען, אבער ב"ה ברויט מיט א שטיקעל פוטער אויך, און ווען חלילה וחס טאקי דאס אויך ביי מיר נישט צו האבען, וועל איך אלם מענש, אלם פאטער מיט געפיהל זיא נאך נישט איבערגעבען צו א מאן פון 60 יאהר.

ניסעלע: (אויפגערעגט). ר' יוסעלע, וואס בין איך איידעלעס? א טאטי! און א טאטי ווייס און פערשטעהט, וואס מיט זיין קינד צו טהון, איך מיין איך האב מיין איידעלען אזוי ליעב אזוי ווי איהר און מיין איידעם דער משכיל...

יוסעלע: איהר אלס טאטי האט א רעכט צו נעהמען א חלק און איבערצושניידען אייער קינדם דאלה, און א פרעמדער דארף אייך לאזען

ווייל איהר ווענט א טאטי? עה, ר' ניסעלע, לענט אייך גוט איבער וואס איהר גערט טהון, און מאכט נישט אומגליקליך א יונג אונשולדיג, אומהערציג שעפעלע.

ניסעלע: עה, איך האב דאך גאר פארגעסען, אז איהר ווענט אהרעלע און אהרעלע איז איהר, אהרעלע איז אידעלעס אפוטרופוס ראשון און איהר דער אפוטרופוס שני — ניין! ניין! ר' יוסעלע, איך ראטה מיך נישט מיט אייך — ווענט איהר מיר א גוטער פריינד, בלייבט אויף די תנאים.

יוסעלע: א גוטער פריינד פערבלייב איך אייך תמיד — אבער איך זאל נאך דא זיין און זעהען ווי א ר' ניסעלע פייער קוליט זיין מיזינקי מיט א מעסער, און איך זאל מיך נאך משמח זיין? צו טרינקען צו אידעלעס לחיים, ווען איהר גיהט למיתה — צו ווינשען איהר מזל טוב, ווען איך זעה אבער איהר שרייבען דאס מזל רע — צו הערען לייענען די תנאים וואס דאס איז אידעלעס טויטעס אורטהייל — ניין, ניין, ר' ניסעלע! דאס קענט איהר פון מיר אלס גוטער פריינד נישט פערלאנגען. — עס וועט זיין גענוג אז איך וועל הערען די גוטע בשורה פון דער ווייטען. א גוטע נאכט! ר' ניסעלע. א גוטע נאכט — (ראש אב)

ניסעלע: א גוטע נאכט! א גוטע נאכט! — פרישע פערדראָרגער מיינע — (אויפגערעגט שטארק) פעשי! פעשי! (רופט) (אויפטריט פעשי) נו וואס הערט זיך פעשי?

פעשי: דבורה רעדט דארט מיט איהר. — דאכט זיך מיר אז ר' יוסעלע וועלענפריינד איז דא געוועזען? נו וואו איז ער אהין געקומען, ווערסט. זאלסט איהם געוועזען צו איהר אריין שיקען. איהם וואלט זיא תיכף געפאלגט. —

ניסעלי: וואס רעדסטו? פארגעסט אז ער איז אהרעלעס גאנצער מורה דרך. — ער איז גאר זיך געקומען מיט מיר קריגען, אויס־טענה'ן אז עס איז נישט גלייך — וויעפיעל פערדראָרגערם מיר האבען! —

(אויפטריט דבורה, נאך איהר אידעלע, נאאיוועס שענעס קינד, אונשולדיג און גוט)

דבורה: נו, אדרבה, קום און זאג אליין דעם טאטען וואס דו ווילסט.

פעשי: קום אהער אידעל־לעבען! קרוין מיינע, טאכטער מיינע, זאג פאר וואס ווילסטו אונז אנטהון אזא בושה?

אידעלע: מאמעניו! וואס פאר א בושה? איך וויל נאר מיין טאטע און מאמע זאלען דורך מיר האבען א בושה — אהרעלע האט מיך גענוג געלערנט, אז מיט בושה איז נישט גוט צו לעבען, און איך וויל אז מיין טאטע־מאמע זאלען יא לעבען ביז 120 יאהר.

ניסעלע: קום אהער צו מיר (זי געהט צו) איך בין דיין טאטע, ווייסטו וואס עס הייסט דאס ווארט טאטע? פערשטעהסטו דעם אויסדרוק פון דעם ווארט מאמע? געגעבען האט אונז אונזער גאט 10 געבאט, פריהער זאגט ער אז מען זאל איהם עהרליך האלטען, און תיכף נאך דיך זאגט ער אן: "כבד את אביך ואת אמך". האלט עהרליך טאטע און מאמע, וועסטו דערפאר מיין קינד לאנג לעבען. (גיט איהר א קוש) ווייל גאט ווייסט, וואס טאטע מאמע פיהלען ביי קינדער, וואס טאטע־מאמע ווילען זעהן ביי קינדער. און היינט, אז דיין טאטע, וועלכער האט דיך מגדל געוועזען, דיין מאמע, וועלכע האט איבער דיר געבלוטעט, און ביידע פערשטעהן, אז דאס איז פאר דיר א גליק, ווילסטו זיי מבייש זיין? ווייער ווארט מאכען צו נישט? — איך האב נישט מעהר ווי דריי קינדער, צוויי האב איך שוין ב"ה פערזארגט, זיי זענען ב"ה עשירים — יעקב משולם איז א כשר קינד ווי דיין טאטע וויל — אהרעלע איז אפילו נישט ווי איך וויל, נור ער איז דאך מיין טאכטערס מאן, איך האב איהם אויך ליעב.

אידעלע: ווער קען דען אהרעלען נישט ליעב האבען? איך האב איהם אויך ליעב, אוי טאטעניו איז ער א חכם, (ניסעלע גיט א טיעפען קרעכץ).

פעשי: און אצינד מיין קינד, דיין שטערן וועט איבערלייכטען איבער זיי אלע — ר' יענקעלע אפענבאך, א מיליאנער — וויפיעל ארימע מענשען וועלען געפינען לעבען דיר זיך צו שטילען זייער הונגער, ווייל דו ביזט דאך פעשי'ס טאכטער. וויפיעל עלענדע יתומים וועלען חתונה האבען פון דיין האנד, דו ביזט דאך עפיס פעשי'ס מיזינקי. אונזער

מאטיניו האט דיך אויסגעוועהלט פאר איין אסתר המלכה. צו זיין א שטיצע צו פערחלשטע הערצער פון הונגער און נויט. ארימע אלמנות ארימע יתומים זאלען אונטער דיין שוטץ זיין.

איידעלע: (פרעהליכער) מאמעניו! איך וועל גרינדען א הכנסת־כלה. ארימע מיידלעך חתונה צו מאכען, זיי צו פערזארגען מיט נדן און קליידער, פאר די תלמוד־תורה־קינדער וועל איך גרינדען זיי זאלען האבען צו עסען וויערע ווארימעסען אין חדר, נישט די עלענדע שעפעליך זאלען אבלעבען מיט א טרוקען שטיקעל ברויט א גאנצען טאג. (מיט מעהר פריידע) מאמעניו! איך און דו וועלען מיר געהען יעדען טאג אכטונג געבען צו דער קיך, דאס עסען זאל זיין גוט. און נאך אזעלכע גוטע זאכען. (ביי דער גאנצער צייט שעמט ניסעלע חענוג) טאטעניו! איך געה מיך אנטהון! מאמטשיניו! וועלכעס קליידעל זאל איך אנטהון? א יא דעם שווארצען ראק, מיטן זיידען בלוזקעלע. (לויפט דא צו דער טהיר מיט פריידע — און קעהרט צוריק ערנסט) נו! און אהר׳לע וועט נישט זיין ביי איידעלען אויף די תנאים? אוי מאמעניו וועט ער ביי זיין. אפשר וואלט מען געקענט אבלייגען די תנאים אויף שבת צו נאכטס. אהר׳לע קומט דאך אויף שבת? (קלערט נאך).

ניסעלע. ניין! שעפעלע מיינס! דיא גאנצע שטאדט איז שוין צוזאמען געבעטען אויף די תנאים, פאסט נישט אפ צו זאגען. — אז אהר׳לע וועט אי״ה קומען אויף שבת, וועלען מיר מאכען איהם צו ליעב א לוסטיגע מלוה־מלכה. — געה איידעל׳לעבען טוה דיך אן. באלד קומט דער עולם מיט די געסט. געה מאמיניו! (קושט זי). דבורה, געה העלף איהר אנטהון.

פעשי: קום איידעל׳לעבען איך וועל דיך אליין פערקעמען צו דיינע תנאים. (אלע דריי אב).

(אויפטריט מינדעל א יודיש ווייבעל מיט א ביינטשיבעל — [illegible] שוין חסידיש אנגעטהון).

מינדעל: א גוטען אבענד טאטעניו! [illegible] זאל איהן זיין מיט מזל — טאטעניו, ברײנדעלע איז איך [illegible]

געהן נור אז מינדעל האט זיך אנגעשפארט געהן, האב איך זי געבראכט. טאטיניו מאך דיר מיט איהר נישט קיין טענות, אט געהט זי מיט דער מאמען (אויפטריט פעשי, ברײנדעלע).

מינדעל: נו נו, ווערסט שוין האבען א תירוץ, ווער נור וויא זיא ציטערט אזוי. ביז איך האב דער פועל׳ט זיא זאל געהן.

ברײנדעל: ווייל מיין שכל האט מיר געזאגט, אז אהין, אהר׳לען בין איך נישט קיין מחותנת׳טע. און עס דאכט זיך מיר אויך טאקי, אז איך בין עפיס אזוי וויא פרעמד.

ניסעלע: נו נו, פערשטעהר מיר ניכט מיין שמחה. געהט אריין א ביסיל אהין צו איידעלען. (אויפטריט דבורה).

דבורה: אה מינדעלע, ברײנדעלע! מו״ט אונז, אם־ירצה־השם ביי אונזערע קינדער אהן יתומים קיינט (קישט זיך מיט זיי).

ברײנדעלע: טאטיניו! עס איז גאר נישט מעגליך געוועזען אבצולעגען אויף שבת צו נאכטס די תנאים, ביז אהר׳לע וועט קומען. מען וועסט אנארבייטען א גאנצע שנאה.

דבורה: אט האסטו דיר ידיטע טעג יום טוב! — ברײנדעלע! דער טאטע האט שוין היינט גענוג אויפגערעגט, און איבערהויפט ביזטו מיין איך נאך א זא בעל־שכל. אז עס איז פאר דיר מעהר לטובה, וויא פאר א יעדען, קומט אריין, איידעלע טהוט זיך דארט אן.

(אלע אב, אויסער ניסעלע).

ניסעלע: (א קוק אויף דעם זייגער) אוי, שוין 8 א זייגער, שפעט — — — (אויפטריט ארטשי) דו ביזט עס, ארטשי: אזוי אויפגעפוצט, שבת׳דיג — ווארט אי״ה ביי דיר, וועט ניסעלע פייער אויך זיין א גאנצער מחותן מיט א שעהנעם דרשה־געשאנק, — ארטשי, למען־השם האסט מיר נאך א מאל אנצוזאגען די סארבערס, שמשים, קעכינס, אז קיינער זאל זיך נישט וואגען ביי געסט צו נעהמען געלד — אפשר וויל זיי עמיצער געבען, האבען זיי צו זאגען, אז זיי האבען א פערבאט פון איהר זהיר וזהיר, געלד צו נעהמען. איך בעצאהל א יעדען גענוג (אב צו זיך אין צימער)

אידיטשי: שוין 8 אַ זייגער, דער צוג קומט אָן 7, און מען הערט נישט און מען זעהט נישט. איך האב געמיינט, אַז ער וועט קומען ביי טאג מיט'ן בליצצוג, נור וואס, איך האב מיינס געטהון; אהרל'ע האט מיר אַנ־געזאגט, וואס פאר אַ נייעס עס וועט פאסירען, גוטס חלילה שלעכטס, זאל איך איהם טעלעגראפירען. — וואס דיא מענשען איז געשעהען? צו זענען זיי משוגע? צו מטורף? — אַזא טהייער, כשר נשמה'לע ווי אידעל'ע איז, נעמט מען און מען מאכט זי אַזוי אומגליקליך, דער עושר איז געבענשט מיט אַלעם גוטען, נו ווען איין ארימאַן שפּאַרט זיך איין ביי אַ שידוך, אַז די טאָכטער מוז נעהמען דעם וואס ער וויל — איך ער וואלט געבליעבען ביים פערשפּארניש, זי וואלט איהם געווידעלט, צו־ייענענגעריש, אַנטלאַפען פון דער היים, דער טאַטע מוז איהר נאָכ־געבען, — און ביי די עשירים געהט עס גאַנץ אַנדערש, דאס קינד האט מורא, פחד, דרך ארץ, פאר אַ טיפ מיטן פים ציטערט די גאַנצע שטיב. ער זאגט אַזוי, מוז זיין אַזוי. — נור, וואס איז ארטשי, עס האַרט דיך? האסט הערצפעריניש? נעם אַביסעל משקה פון דער פלאַשקע און טרינק לחיים —

1.

וואס איז בעסער אויף דער וועלט,

וואס איז זיסער פון אַלסדינג,

וואס איז טהייערער נאך פון געלד?

דאס איז גאַר דער טרינק,

גוטער בראַנפן איז אודאי אַנאַנטיק,

איהר מעגט מיר גלויבען,

ווער שמיסט אַ ביסיל ריינער ספּירט

איז בהידיוודיג;

דאס ערקוויקט חלעבען־יא,

איך פרעג אייך אַליין

שטייטש עס איז דאך אַ ברכה מן השמים!

לחיים, חלעבען, איך מוז טאַקי גיעסען,

לחיים, אַ ביסעלע משקה געניעסען. } ביסס

2.

איינער האט אַ ווייב אַ שלאַק,

און קיין חאלעריע נעמט זי ניט,

ער חאַפּט פון איהר יעדען קנאַק,

יעדען טאג ווערט ער פון איהר צובליט,

ער וואלט איהר אַריינגעוואָרפען פייערדיגע פעטש,

ציטערט ער פאר איהר.

ער קען ניט העלפען, טהוט ער מיט די פּלייצעס אַ קוועטש

און נעמט דאס פלעשיל אַ פיר.

איך פרעג אייך אַליין,

זאל ער טרינקען צו ניין?

עס איז דאך אַ גזר מן השמים

לחיים, א. ז. וו.

3.

איינער נאך גאר אַ יונגער מאַן,

געוועזען רייך איז ער נישט לאַנג,

ער איז געוועזען אַ שאַרלאַטאַן,

אוי, ער טהוט מיר עפּיס באַנק,

פערשפּיעלט האט ער אין קארטען אַלעס וואס ער האט געהאַט,

יעצט בלאנדזשעט ער אַרום אין נאַס הונגעריג, דער חוואַט

אויף בראנפען בעט ער אין דער פרעמד.

איך פרעג אייך אַליין,

זאל ער טרינקען צו ניין?

עס איז דאך אויף איהם אַ צער־בעלי־חיים —

לחיים, א. ז. וו. (סאנץ)

(אויפטריט יעקב משולם, איין אויבגעדראשער חסיד, ווילד און פערפיעקט מיט א חבורה חסידים, רבי, חזן).

אללע: א גוטען אבענד, א גוטען אבענד.

יעקב משולם: ברוך הבא רבי! ברוכים הבאים יודען! ארטשי, וואו איז דער שוועהר? א וודאי ביי זיך אין חדר (לאזט זיך געהן, ניסעלע קומט איהם אנטקעגען).

ניסעלע: א גוטען אבענד, רבי — ברוכים הבאים יודען — זעצט אייך — רבי, זעצט אייך (צייגט אן זיין פלאץ) ארטשי, געה זיי מוחל דו אריבער צום חתן און בעט איהם אהער, זאג איהם, אז דער רב מיט'ן גאנצען עולם זענען דא (ארטשי אב). רבי! איך האב געהייסען די ווייבער זיך מאכען דארט עקסטער אין עזרת נשים.

רב: שאד נישט, זיי קענען אהער אריין קומען, נור מאכען בעזונדערע ווייבערשע טישען, ביי תנאים איז א מנהג, אלעם אין איינעם.

ניסעלע: (צו דער טהיר פון צווייטען צימער) פעשינו! קום אריין מיט די קינדער און מיט די געסט אהער (אויפטריט פעשי, דבורה, מינדעל, ברייינדעל, איידעלע, דאמען, געסט, אלעס זעצט זיך אוים).

יעקב משולם: שוועהר! מיר האבען אצינד אין קלויז איינגעהערט משה בראדערס א גוט זמר'ל, ביז דער חתן וועט קומען לאמיר זיך א ביסעל משמח זיין, לחיים שוועהר! דאס ערשטע מאל האט ר' איטשעלע קראקאווער דאס זמר'ל געזונגען אין בעלז דעם יום כפור „על ישראל אמונתו" (יעקב משולם מיט א קאהר הסידים זינגען א חסידיש לוסטיג שטיקעל „על ישראל אמונתו" מיט א חסידישען טאנץ).

(אויפטריט. א בעל עגלה מיט א רייזע קאטש אויף איין האנד און א רענציל אין דער צווייטער האנד, רעדט א ביסעל אונטער דער נאז).

בעל־עגלה: וואס־זשע איך ווייס נישט, ווי־ראמעט מען געהט אריין צו רבי ניסעלע פייער? א גוטען אבענד.

אללע: ווער איז דארט?

בעל־עגלה: וואס־זשע איהר דערקענט נישט מאטיא בעל־עגלה? — איך האב אייך געבראכט א גאסט, אהרל'ען פון דעם צוג.

אללע: אהרל'ע איז דא? (בעל עגלה אב).

ברייינדעלע: (לויפט שנעל אפיר אקעגען). מיין אהרל'ע איז דא? (פאזיציאן, ווי ניסעלע, דבורה, פעשי, ווערען בלייך איבערשראקען).

איידעלע: (מיט א שמחה) אונזער אהרל'ע איז דא! (וויל איך לויפען).

ניסעלע: (אויפגערעגט צו איהר) דא זיץ זאג איך (צוריק מיט א מינע פריליכען איבערראשונג צום עולם) — מיין אהרל'ע איז דא! (צו פעשין און דבורה'ן מיט א שמערצליכען טאן) אהרל'ע איז דא, פונקט גוט אנגעקומען.

(אויפטריט ברייינדעלי צוריק מיט אהרל'ען, אין א שאטענפעלץ, שטעהן הינטער, ניסעלע און אלע גיבען איהם שלום — ער גרייידערט — יעקב משולם ווינט פערטיפט ביים טיש און שרייבט די תנאים. — אהרל'ע טהוט אויס דעם פעלץ, בלייבט אין א שעהן יודיש זשופיצעל).

אהרל'ע: יא! יא! נישט קיין שלום דארפט איהר מיר צו געבען, נור ברכת מחיה המתים איבער מיר צו מאכען. איך דארף גומל בענטשען, דער צוג האט פערשפעטיגט מיט צוויי שעה. ער איז ארויס פון די שינען און עס איז געשעהען א גאנצע קאטאסטראפע, 5 פערוואונדעטע זענען דא.

ברייינדעלע: וועה איז מיר, אהרל'עבען, אבער דיר איז חלילה גאר נישט געשעהן.

אהרל'ע: ניין! ניין! מיין טהייער ווייבעלע — וואס־זשע איז דא? קיין שום חדש אזא שמחה? — עה, שוועהר, איך מוז אייך זאגען, אז איהר האט מיך באמת נישט ליעב, אז איהר קענט מאכען קיין עינדערע אזא שמחה אהן מיר, (ניסעלע גיט אלע מאל א ביטערע קוק אויף איידעלע'ן).

ברייינדעלע: אהרל'ע, וועסט נישט זיין בייז וואס איך בין געגאנגען אויף די תנאים אהן דיר, ווייל...

אהרל'ע: אויף דיר בייז, מיין לעבען! איבערהויפט ביסטו קיין איינציגע פעהלער בעגאנגען, אז א טאטע מאכט א שמחה, איז א קינד א חיוב צו געהן זיך משמח זיין.

פעשי: זיי גוט די ביזט אנגעקומען, אהרל'ע, גלייך ווי א מלאך וואלט דיך געבראכט. — ניסעלע, אהרל'ע וועט טאקי שרייבען די תנאים, ער האט א סופר'שע שריפט.

יעקב משולם: (פון דעם טיש) די תנאים האלט איך שוין אין שרייבען, איך שרייב שוין דעם אנדערען בויגען (לייענט) היה הזקן המפורסם הגביר מו"ה ר'...

ניסעלע: (בעהערשט זיך) מיין נישט אהרל'ע, אז ווען דו קומסט נישט היינט

וואלסטו נישט געוועזען געהאט א שמחה. מיר האבען איינגעם דיר אז ליעב אבגעלייגט אויף שבת־צו־נאכט א מלוה־מלכה מיט א גאנץ פרישע שמחה, א יא בריינדעל־לעבען?

אהר׳לע: אז גאט האט מיך אבער ליעבערש פון אייך, און האט מיך געבראכט צו דער אמת׳ער שמחה. ווי זאגט די שוויגער: טאמער נור א מלאך האט מיך געבראכט — קיין עין־הרע אלעם לוסטיג, לעבעדיג. נו און וואו איז ערגיץ מיין ידיד ר׳ יוסעלע וועלענפריינד? איהם האט מען גאר נישט געבעטען? א חדוש! — (געהט צו צו יעקב משולם׳ן ווי ער שרייבט) מיין יעקב משולם איז אזוי פערטיעפט אין די תנאים שרייבען אז ער האט מיר גאר פערגעסען שלום צו געבען. (גיט איהם אקלאפ אין די פלייצעס) הע פלאסקעדריגע! מיט דרעלים, אין שלום בעירך?

יעקב משולם: (א דרעהע איבער) א שלום עליכם אהר׳לע — וואס מאכסטו עפים?

אהר׳לע: (נעממ א בויגען תנאים און לייענט) ה״ה היקר המפורסים הגביר הקצין מוה״ר ר׳ יעקב אפענבאך נרו יאיר. ישא למזל־טוב את הבתולה מרת אידעלע תחי׳, בת הנגיד ר׳ ניסעלע פייער, (צו יעקב משולם) דו עם הארץ, דו ווייסט די תנאים געפעלען מיר נישט. ווייל. . . דו ביזט דער חתן, קוק (צייגט איהם) אויף דעם חתן ר׳ יעקל אפענבאך האסטו אנגעשריבען א גאנצע מגילה, ווען נור א מין טיטעל. ווי אויף דעם בעל־שם־מצבה: ה״ה היקר המפורסים הגביר הקצין מוה׳ ר׳ יעקב אפענבאך נ״י. און אויף דעם שווער האט ער זיך דער למדן געגעבען א גוטע דורך חי׳ מיט א גוט שבת אין פאליש: בת הנגיד ר׳ ניסעלע פייער — ער איז א גראבער יונג, די תנאים געפעלען מיר נישט (צערייסט זיי), איך וועל שרייבען בעסערע תנאים.

פעשי: וואס הען, איך האב תיכף געזאגט, אהר׳לע, ער וועט שרייבען דיא תנאים (אידעלע ווישט און פלאמט, איבערגעשראקען).

ניסעלע: (ער פערשטעהט אלעס) אהר׳לע, זיי זשע מוחל. איך האב דיר עפים געוואלט זאגען אודות (צייגט א ביסעל אויפרעגונג).

אהר׳לע: תיכף שווער־לעבען! וואו איז ערגיץ דער חתן? וואו איז ר׳

יענקעלע אפענבאך? איך האב דאך איהם נאך אפילו נישט מזל־טוב געווינשען? — וואס איז אוינם געוועזען הנהלעם אומגליק? אזא געזינדע יודענע. . .

פעשי: וואס פרעגסטע עפים קינדיגיז קשיות אויף׳ן רבונו־של־עולם? זי איז דריי טאג געלעגען אויף א פערשטאפפונג, און אזוי ווי איין אויסחאפעניש. . .

אהר׳לע: ברוך דין אמת! — איין אויסחאפעניש — געהט ר׳ יענקעלע זיך שפיעלען מיט גאט אין חאפערליך. גאט האט ביי איהם געחאפט א יודענע פון 50 יאהר, געהט ער חאפען א מיידיל פון 17 — איך מיין אבער, עס איז אפילו צו פריה, דער גוף פון זיין ווייב איז דאך נאך נישט אבגעקיהלט אין קבר. נו! און וואס וויל ער פון דעם אונשולדיגען שעפעלע? (געהט צו צו אידעלען און גלעט זי — אידעלע בוקט ארוים מיט א געוויין נאך איהר אלע ווייבער).

ניסעלע: (מיט א ביסעל מעהר כעס) אהר׳לע, איך בעט דיך, פארשטעהר מיר נישט די שמחה, וואס דו ווייסט מיר וועלען זאגען, איז אלעם צייט מארגען. היינט איז ביי מיר א שמחה, בעט איך דיך נאך א מאל, פערשטעהר מיר נישט.

אהר׳לע: ח ח ח, עס איז ביי אייך א שמחה — נאך אזא גרויסע שמחה. איהר געהט אייער קינד מקריב זיין פאר א קרבן, איהר, נעמט און קוילעט אייער קינד און מאכט דאביי א שמחה. — די געצענדיענער פון דער עבודה־זרה מולך האבען פארברענט זייערע קינדער צום אבגאט און דאביי געשפיעלט און געטאנצט. (צום רב) רבי, מיט דער גרויער בארד, קיין עין־הרע א בן שבעים, וואס זאגט איהר דערצו? טהוט ער גלייך, מיין שווער? נו, וואס שווייגט איהר? איך האב פאר אייך א דין תורה, און איך בין דער גזלנים טוען, טהוט דער יוד גלייך?

רב: ווייס איך? אז עס איז א זיווג, און אז עס איז מן השמים, טהוט ער גלייך.

אהר׳לע: א זיווג? און אז עס איז מן השמים! נו איז דאס א זיווג און מן השמים? א יוד פון 60 יאהר מיט איין אונשולדיג יונג שעפעלע פון 17? דאמאלס ווען ער האלט ביים ווערקען, הייבט זי אן צו בליהען —

היסט דאס א זווג? — דאמאלס ווען ביי איהם פארגעהט שוין דער פארגענשטערן, הייבט ביי איהר ערשט אן צו שיינען די זון — הייסט דאס מן השמים? קען מען אויסמישען חצי תמוז פיי לעכטיגע ווארימע זון, מיט חצי טבת מיט דעם ברענענדיגען קאלטען פראסט, און זאגען: נייט ביידע איין חודש? האט איהר פארגעסען רבי אין דער גמרא אל תחן את בתך להזנותה זה שנותן בתו לזקן — ניין, רבי, איהר האט א טעות. דאס איז נישט פון גאט, און נישט א זווג מן השמים, עס איז א זינד, איין עבירה און איין עבירה צו וועהן טהון אפילו דעם נשיא, מעג אפילו דער מינדעסטער פון דעם פאלק איהם מוסר זאגען.

נישעלע: (מיט שפארקען כעס) איך בין איהר טאטע, און ווייס וואס איך טוה, און מיר האט קיינער נישט קיין רעכט, צו מיין קינד דעות אריין צו זאגען — און דיר, אז עס געפעלט נישט, פערלאנג איך דיך נישט פאר קיין מחותן. גערה, גערה זאג איך — (צו איידעלען) און דו הער מיר אויף צו וויינען. איך ווייס וואס איך טוה. — נו וואס טהוסטו נאך דא? גערה פון מיין שטיב!...

אהרלע: איהר פערלאנגט מיך נישט פאר א מחותן — איך וועל במילא דא קיין מחותן נישט זיין — אבער דאס וואס איהר פסק'נט אייך צו אלס טאטע מעגט איהר אלעס טהון? א, יא, כבוד אב איז וועהר גרויס — (צו איידעלען) אבער ווייסטו וואס דער דין זאגט, אז ווען דיינע עלטערן וועלען דיר הייסען טהון א עבירה, מעגסטו אבטרעטען פון כבוד אב און זיי נישט פאלגען — ווייסט איהר, צו וואס פאר א שרעקליכע עבירה איהר טרייבט אצינד אייער קינד? צו ווערען מאראליש גענצליך פערדארבען. ווען אז אזא יונג קינד פון 17 יאהר געהט חתונה האבען מיט א מאן פון, 60, מוז זי ארוים לתרבות רעה, זי מוז ווערען איהר מאן פאלש און אונטריי — דאמאלס ווען זי ועהט די זיסע יוגענד, דעם שעהנעם מאי, אלעס בליהט, אלעס שמעקט, אלעס לעבט און לאכט, און זי האט פארדעקט דער ווייסער שנעע דער גרויזאמער פראסט, דאמאלס מוז אזא טאכטער ווערען פערדארבען און אויסגעלאסען, און איידער צו זינדיגען, איינע אויסגעלאסענע

פרוי צו ווערען איז גלייכער נישט צו האלטען כבוד אב — גערה איידעלע (גיט זי א נעם און ביי דער האנד), דיינע תנאים וועגען נישט קיין גלייכע, נאט אליין לאזט א טרעהר ביי אזעלכע תנאים (זי שטעהט אויף און וויל געהן, און שטיקט מיט טרעהרין).

נישעלע: (מיט שרעקליכער רציחה): דא ויך זאג איך (וויל צולויפען מיט כעס, דא גיט ארטשי א עסען אויף די פיטעלמהיר מיט א געשריי און בלייבט אליין איבערראשט ווי ער דערזעהט אהרילען).

ארטשי: דער חתן געהט! (אפגעבאק ערשיינט אויף דער סהיר. ניבעלע בלייבט אויף. אהרילע האלט איידעלע ביי דער האנד מיט א פאזיציאן ווי ער צייגט איהר זי זאל געהן — איידעלע טרעכט אוים און א היסטעריש געוויין — פאזיציאן).

פארהאנג פאלט לאנגזאם).

צווייטער אקט.

שפעטער איינינע וואכען — רייכעס צימער ביי אהרליען. — ביים פענסטער הענגט א חנוכה לעמפיל און ברענט מיט 3 קנייטלעך בוימעל. א שמש פון א אפקטין לעמפיל ברענט נעבין זיי — ארמשי שטעהט ביי דיא לעמפליך און קוקט אין זיי אריין ווייל זיי ברענען. און בעוואונדערט זיי.

ארמשי: וויא אין דער ערד דער שמש איז, מען שטעלט איהם א ווידער דא ביי די לעכטליך אויף ווי אכטיג צו געבין וואלען גיט ברענין. צום סוף ברענט ער אליין אויך. — א מין נארישער שמש — די לעכטליך זענען דאך הייליג. פאר וואס ושע וואנט ער נישט דעם רב ער וואל שטיין און אויף ווי אכטיג געבין לאז ער ברענין. אוי דער שמש דער שמש, אוי איז ער אויף סיפקע טעמנע צרות.

I.

סודות ווייסט דער שמש פיעל —
וואס עס טהוט זיך איבעראל
און ער מוז דאך נעביך בלייבען שטיל.
חאטשי עס פלאצט זיין גאל.
דער גבאי נעמט וויפיעל ער קען,
און גנב'ט פון דער פושקע גרינג
און דער שמש מוז אללעס זעהן
און שטיל האלטען די צונג.
אין דער ווייבערישער שיהל — אוי, אוי,
ביי נאכט אין דער שטיל — שא —
דעם גבאי'ס טעכטערל מיט דעם שוחט'ס זוהן
פלאצען קען דער שמש נור דערפון.
זאגען טאר ער נישט — שווייגען קען ער נים.

אוי עס שטעכט אין הערצען, זיין ווייטיג איז דאך גרוים.
פארשאפט ציינ ושע פיעל — ביסט א שמש שווייג ושע שטיל.
אוי געוואלד ווי האלט מען דאס אויס.

II.

ווען עס פאלט אריין ר"ח,
כאפט דער רב א פעטין ביין.
און דער חזן טהוט א נאש.
נור דער שמש גיין.
חנוכה און פורים געלד.
קריגט דער רב, דער חזן באלד.
נור דעם שמש איהם פערפעהלט.
און עס איז קיין געוואלד.
אין שיהל גאנץ שפעט. א. א. א.
שטעהט אויף א ברעט. — שא.
די חזנ'טע גנב'ט האלץ און קוקט אהער און אהין.
פלאטצען קען דער שמש נור דערפון.
(רעפריין) זאגען טאר ער ניט — א. ז. וו. —

III.

א צו פרימע זאגערין,
וואס קען תחינות אן א צאל,
איך קען דיעזע קלאגערין
נאך פון א מאל.
קלויזניקעס פלעגט זי דאן,
שטיצען ווי א פרוי נור קען,
פלעג די פראסט מחיה זיין,
איך האב אליין געזעהן.
די אלטיטשקע היינט — אי, אי, אי,
זוכט נאך א פריינד — שאט.
ווארפט מיט די איינגעלעך אהער און אהין,
פלאצען קען דער שמש נור דערפון.
(רעפריין) זאגען טאר ער ניט — א. ז.

ארטשי: אין די לעכטליך זאגט אהרלע, שטעקט עפים אזא מין כח אזא מין קראפט. זיי זענען היילינג קדשי קדשים. מען טאר מיט זיי גאר נישט טוען, נור אין זיי אריין קוקען. און אז מען קוקט אין זיי גיט אריין, זאגט אהרלע, ועהט מען אין זיי אלע יודישע העלדען, די גבורי ישראל (קוקט) מען זעהט אין זיי דיא גאנצע יודישע אמונה, דיא ניסים ונפלאות פון זיין ליעבען נאמען (אויפטריט דבורה, ער מאכט זיך גלייך ער זעהט זיא נישט) איך זאל אזוי זעהן ביי דער מומע דבורה דאס געזונד מיטן לעבין, פאר איהרע פלאטקעס. וויא איך זעה עפים אין דיא לעכטליך מעהר דיא קנייטלעך און בוימעל — אזי דיא וואס קענען דיא דריבנישקע אותיות, זיי פארשטיין דאס עפים א סך, זיי קענען קוקען אין לעכטליך און אין זיי זעהן ניסים מיט גבורים און העלדען.

(ערבליקט דבורה) עה, מומע דבורה, איהר זענט שוין לאנג דא?

דבורה: זייט דוא האסט מיך מכבד געוועזן מיט דער קללה.

ארטשי: וואס? איך האב אייך געשאלטין? מומע דבורה אסאזאר ואלט איהר אזוי נישט קרענקין. — פאר וואס איז אייך דא צו שעלטין? ווייל איהר זענט א שטיקעל רכילניצע, פלאטקארקע. איהר ארבייט און א בימער לעבין צווישען ברייינדעלען מיט אהרלען — נור זעמין ווכט איהר מומע? ברייינדעלען? איהר האט שוין א פרישע ליגענד, וואס? לאזט מיך הערין — אהרלע האט געקישט איידעלען, איהר זענט אנגעקומען האט איהר געטראפען... וואס האט איהר געטראפען. אז דער שלאק זאל אייך טרעפען — אזי ווען איך בין א סענדזשע און קען אייך הייסען אריבער לעגען, און אייך אריין צימבלען חאטשי 25 שטעקין, וואלט איך מיר אפשר מיין הערץ געקיהלט. נור אזוי וויא איך קען דאס נישט טהון, געהט ושע מיר צו אלדע שווארצע יאהר. —

דבורה: נוא, נוא, נעם איין א ביסעל שטימיניש. — וויא איז ערגיץ ברייינדעלע? פעה ארטשי, ביזט געווארען א עזות פנים א שייגיץ.

ארטשי: וואלט איך געוועזען א שייגיץ, וואלט איך אייך בעדארפט צו פארפארין מיט א קאלאק אז דיא רויטע יאך זאל אייך בעגיעסען. נור ווייל איך בין נישט קיין שייגיץ געהט ושע צו אלדע רוח —

ברייינדעלע איז אין קעך און קאכט ווארעניקעס לכבוד חנוכה, (דבורה אב) אזוי איין אוים חאפיניש זאל קימען אויף דער מכשפהניצע. טהוט נישט מעהר נור טראגט און ברענגט רכילות מיט ליגענד — זיא האט שוין אזוי וויט געבראכט, אז ברייינדעלע איז שוין אוים מענש פון קרענקונג. — אהרלע וואס זיין גאנץ לעבען איז ברייינדעלע מיטען שלום בית, געהט ארום מיט פיל שמערצען. — ברייינדעלע זאגט אהרלען שטעך ווערטער — דיא אלטע לייט קומען נישט אהער — און אז אהרלע רעד מיט איידעלען איין ווארט, ווערט זא גאנצע בהלה. — און דאס האט דיא קליפה־וואטע מומע אנגעארבעט (אויפטריט אהרלע פון זיין קאנצעלייע — מיט א שעהן קאפעל — פעדער אונטערן אויער מיט צוויי בריעפע)

אהרלע: ארטשי! געה ווארף אריין דיא צוויי בריעף — דאכט זיך מיר ארטשי, דיא מומע דבורה איז דא געוועזען?

ארטשי: יא זיא איז געקומען ברייינדעלען מבקר חולה זיין מיט פרישע עטליכע פלאטקעס.

אהרלע: וואס פאר איין עצה גיט מען זיך מיט דער מומע דבורה?

ארטשי: איי, איי, איי, אזא קלוגער אהרלע, און זאל זיין אזא נארעלע — מיט דער מומע דבורה אויך מיר א דאגה, מען נעמט זיא אזוי שיין און בכבוד ביים קארק, און מען לייגט זיא ארויף א טאטשקי, פון מיסט און מען טאטשקעט זיא ארום צו אלדע שווארצע יאהר. — גיב זיא נור מיר איבער, וועסטו זעהן וואס פאר א כבוד איך וועל אויף איהר לעגען. — וויא שיין איך וועל זיא ארום ווארפען מיט דרך ארץ.

אהרלע: יא, יא, ווען דאס זאל אבער מיין ברייינדעלען נישט אויפרעגין. אז איך זאג, איך וויל דיא מומע דבורה נישט ביי מיר, קרענקט עם זיא. ארטשי! וועסט אב טרעטין ביי ר' יוסעלע זעלענפריינד, און איהם בעטין ער זאל אביסעל אריבער קימען.

ארטשי: ר' יוסעלע איז דא דארט — און רעד מיט ברייינדעלען. —

אהרלע: נא קויף א נייע פעשיל קארטין וועלען מיר אביסעל מקיים זיין דיא מצוה אקי לכבוד חנוכה (ארטשי אב — אויפטריט בעלפער מיט אהרלעס ביידע קינדער פון דעם חדר.)

קינדער: (ביידע) גיטנאבינד טאטיניו!

אהרלע: אַ גוּטֶן אָוונְד אַייךְ מַיינֶע טֵהַייעֶרֶע צְווֵיי אוֹצְרוֹת. (כעלפער מאכט אויס די קינדער די מענטעלעך) זָאג נור משֶׁה (צום בעלפער) פַאר וָואס הַאלְט מֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט די קִינְדֶער אִין חֵדֶר. עֶס אִיז דָאךְ עֶפּ֗ס הַיינְט חֲנוּכָּה, דַארְף מֶען זֵיי פְרִיהֶער אַהֵיים לָאזְן. מָארְגְן זָאל מֶען זֵיי אַהֵיים לָאזְן (פרעגט די קינדער) וֵויגֶער וִויפֶעל?

קינדער: וֵוינֶער 4.

אהרלע: הֶערְסְט משֶׁה? וֵוינֶער 4. — (נעמט, וקצט זיי אויף די קניעס —) יָא אִיךְ הָאבּ גָאר פַארגֶעסֶען. נַא גִיבּ דֶעם רֶעבִּין חֲנוּכָּה גֶעלְד. און נַא דִיר פַאר די דְרֵיידְלֶעךְ. — קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס הָאט אִיהְר הַיינְט עֶפּ֗ס גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר?

שלמעלע: הַיינְט הָאבֶּען מִיר קֵיין גְמָרָא נִישְׁט גֶעלֶערְנְט. נור אִין דֶער פְּרִיה חוּמָשׁ. און נָאךְ מִיטָאגְס הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט מְגִילַת אַנְטִיוֹכוֹס —

צווייטער: אוֹי טַאטִינְיָא! עֶס אִיז אַזוֹי שֶׁעהְן גֶעוֶועזֶען — וִויא אַ טַאטִי מִיט

5 זִיהְן גִבּוֹרִים הָאבֶּען מִלְחָמָה גֶעהַאלְטֶען מִיט אַזוֹי פִיעֶל זֶעלְנֶער. און זֵיי הָאבֶּען אוֹיס גֶעהַארְגִיט אַלֶע שׂוֹנְאִים און דֶער נָאךְ מִיט שִׂמְחָה שְׁפַּאצִירְט צוּם בֵּית הַמִקְדָשׁ.

אהרלע: און וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ?

ביידע: אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען קֵיין בּוֹימֶעל.

אהרלע: נִישְׁט בֵּיידֶע. — זָאג דוא יוּדֶעלֶע.

שלמעלע: אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזֶען קֵיין בּוֹימֶעל אָנְצִיצִינְדֶען דִיא מְנוֹרָה — הָאט גָאט בֶּעווִיזֶען אַ נֵס. אַז פוּן אַ קְלֵיין קְרִיגֶעלֶע בּוֹימֶעל, הָאט מֶען בֶּעלַייכְטֶעט דִיא מְנוֹרָה 8 טָאג.

אהרלע: דֶער פַאר?

ביידע: דֶער פַאר אִיז הַיינְט חֲנוּכָּה, און מִיר גֶעהְן נִישְׁט בַּיי נַאכְט אִין חֵדֶר אַרַיין. (אהרלע לאכט)

אהרלע: יָא קִינְדֶערְלֶעךְ אַלֶעס זָאלְט אִיהְר גֶעדֶענְקֶען וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט מִיט אַייךְ. דֶען דֶער נָאךְ קוּמְט עֶס דֶעם מֶענְשׁ אִים לֶעבֶּען פָאר —

I.

אִיךְ גֶדֶענְק נָאךְ ווי אַצִינְד,
וֶוען אַלְס קְלֵיין קִינְד,
אִין חֵדֶר וֶוען אִיךְ פְּלֶעג נוּר גֶעהְן,
הָאט דֶער רֶבִּי מִיךְ גֶעלִיבְּט אָן אַ שִׁיעוּר,
ווייל אִיךְ בִּין אַ גִיט יוּנְגֶעל גֶעוֶועהְן,
אַזוֹי פְּלֶעגְט עֶר צוּ זָאגֶען מִיר,
אַיין פְרִימֶער יוּד זָאלְסְטוּ זַיין,
יֶענֶעמְס גְלִיק נִיט נֶעמֶען,
און גֶעדֶענְק אַז אַ גָאט אִיז פַארהַאן,
עֶהְרְלִיךְ און פֵיין — זָאלְסְטוּ נוּר זַיין,
וֶועסְטוּ אָבּ לֶעבֶּען גְלִיקְלֶעךְ דַיין וֶועלְט.
און טָאמֶער נִיט — אוֹי גָאט בֶּעהִיט.
אִיז אִין דֶער תּוֹרָה אַ פָּסוּק גֶעשְׁטֶעלְט:
(רעפריין) אַז בּוֹר כָּרָה וַיַחְפְּרֵהוּ.
נֶעם קִינְד מַיינְס דִיר גִיט בְּדֵעָה
וֶוער עֶס ווייל יֶענֶעם אִין גְרִיבּ וֶועהְן,
מוּז דִי עֶנְדֶע זַיין — אַז עֶר פַאלְט אַלֵיין אַרַיין.

II.

הַיינְט בִּין אִיךְ גְרוֹיס,
זֶעה אִיךְ אַרוֹיס,
וָואס אִיז גֶעוֶועזֶען מַיין רֶעבִּינְס מֵיין.
דֶעם מוּסָר וָואס עֶר הָאט מִיר גֶעגֶעבֶּען,
אַצִינְד קֶען אִיךְ עֶס פַארְשְׁטֵיין,
ווייל אִיךְ זֶעה עֶס אִין מֶענְשֶׁעקְס לֶעבֶּען.
אַז קוֹים הָאט אֵיינֶער אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט,
אִיז שׁוֹין דָא אַ צְווייטֶער,
אִיהְם צוּ מַאכֶען דֶעם טוֹיט,
דֶעם שְׁוַואכֶען דֶער גֶעזִינְטֶער — גְרָאבְּט שְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶער.
וֶועג צוּ נֶעמֶען יֶענֶעמְס עֶסֶען.

קוקט אויף נאר ניט — פארגינסט יענעמס בלים.
און אין דעם פסוק נאר פארגעסען.
(רעפריין) אז בור כרה. — א. ז. וו. —

אהרלע: (צום בעלפער) וויפעל האב איך דיר נעגעבען פאר דעם רעבינ'ס וועגען חנוכה געלד. א גולדען? נא האסטו נאך איינעם — זאג איהם איך בין צו פריעדען — (אויפטריט איידעלע —) עה, איידעלע עפיס נייעס — (צום בעלפער) נעם משה פיהר אהיים די קינדער.

קינדער: קום משה וועל מיר שפיעלען אין קעך מיט דיר און מיט [illegible] אין דריידעל (בעלפער אונד קינדער אב)

אהרלע: (עמפפאנגט זיא) איידעלע! ביזט וועהר בלאס. עפיס נייעס?

איידעלע: אהרלע? גיב מיר איין ראטה. איך קען עס שוין נישט איבער האלטען. דער טאטי ווערט קראנקער פון טאג צו טאג. און שרייט נור אז זיין ענדע קומט דורך מיר. אז איך האב איהם זיינע רעשט יארען מקצר געווען.

אהרלע: יא, יא, מיין ליעבע איידעלע — דיין טאטינס ענדע, דיין טאטינס קיצור ימים קומט ביי עטליכע און זעכציג יאהר און דיינע געהט מען אב האקען ביים אנהייבען צו בליהען.— איידעלע! איין גאט ווייסט, דאס איך האב אלעס געשטרעבט פון דיר צו מאכען א מענש, דאס איז געוועזען מיין פפליכט אלס פערשטענדיגער מענש צו טוהן. וויפעל קאמפף, וויפעל בזיונות האב איך מיך אנגעליטען פון דיינע עלטערן וואס זיי האבען דיך נישט געוואלט לאזען געהן אין שולע אריין. — איך האב אויסגעפיהרט, ביזט גאט זיי דאנק געבילדעט, פיין, און גאט האט דיך אויך בעגאבט פון זיינע מתנות מיט שענהייט און חן, און אצינד קומען דאהע טיערע, אונוויסענדע געשעפפע, מיין מיה, אונזער גאטס מתנות פון דעם גאנצען בנין, פון דער לעבטיגער זיסער פרי א תל מאכען.

איידעלע: (וויינט האלב שרעקליך) בריינדעלע רייסט פון מיר די הויט, זיא איז זעהר אייפערזיכטיג — זיא און דעם טאטינס קרענק וועט מיך צוברייכען אז איך וועל מוזען מיינע יאהרען פארקויפען ווי צו ליעב —
(וויינט)

אהרלע: (בערוהיגט זיא, גלעט זיא) דאס בילד וואס איך האב מיר אימער פאר געשטעלט אין דער פאנטאזיע. איך וועל איידעלען אויס זוכען א מאן וואס איך וועל פערשטעהן אז ער וועט האבען פערשטאנד, איהר ווערטה, איהרע גוטע מדות און מעלות טובות צו שעצין — איך וועל אויס זוכען פון פריינעט וועגען א חתן מיט מעהר מעלות פון מיר—איהר וועט אייך לעבען גליקליך (אויפטריט פון הינטער גרונד בריינדעלע מיט יוסעלע זעעלענפריינד) און איך וועל דארויף זיין שטאלץ אז דאס בנין האב איך צוזאמענגעשטעלט —

איידעלע: (שטיקט מיט טרעהרען) עס קומען אבער שלעכטע מענשען און רויבען מיין לעבין, אהרלע! (וויינט שרעקליך) וואס טוא איך בריינדעלען? פאר וואס טראגט זיא אויף מיר אזא האס — גאט ווייסט איך וואלט מיך פאר איהר אויפגעאפפערט.

אהרלע: איידעלע! בערוהיג דיך — זיי מוטהיג — שטאנדהאפט — בריינדעלעס אייפערזוכט וועט אויך פאראיבער — און די וועסט גליקליך זיין מיט דעם וואס איך וועל פערשטיין אז ער פאסט פאר דיר. — (מען דער הערט אין קאנצעליי א קלינג פון טעלפאן) ווארט איידעלע איין מינוט, מען רופט מיך צום טעלעפאן (אב אין קאנצעליי אריין. — איידעלע ווישט אויס די אויגין און דרעהט זיך איבער אין דערזעהט בריינדעלען מיט זעענפריינד — בלייבט דער-שראקען).

בריינדעלע: וועסט נאך גליקליך זיין מיט דעם וואס ער וועט פאר שטעהן אז ער פאסט פאר דיר — (לאכט אויפגערעגט) נא, און ווער פאסט פאר דיר מעהר וויא אזא שעהנער, עדלער, געבילדעטער יונגער מאן מעהר וויא ער — (גאנץ אויפגערעגט) זאג מיר וואס טהוסטו דא? נאך וואס קומסטו אהער? האב איך דיר נישט בעפוילען מיט דער מוהמע דבורה אז זאלסט מיין שוועל נישט איבערטרעטען. — געה, געה זאג איך, און מעהר וויל איך דיך ביי מיר אין שטיב נישט זעהן — אז ער וועט דיך וועלען זעהן, קען ער טרעפען צו דיר. —

איידעלע: אבער בריינדעלע (וויינט שרעקליך)

בריינדעלע: (מיט כעס, צייגט איהר די טיהר) געה זאג איך (איידעלע אב מיט א שרעקליכען געוויין) — א יא, ר' יוסעלע איהר מיט אייערע תחבולות — איהר זייט

מיר צו פארשטערן. — עס איז אבער נישט גיט אז מען דארף ערשט געבען צו פארשטיין. עס איז בעסער אז דער מענש פארשטעהט אליין — וועצט אייך ר' יוסעלע —

יוסעלע: (זעצט זיך) — אה וועהט איהר דאס האט איהר אויך רעכט — וואלט איהר געוועזען פון די מענשען וואס פארשטעהן אליין. אייך גיט מען דאך אבער צו פארשטיין, די מוהמע דבורה זיא גיט אייך צו פארשטיין. — איהר נעמט און מאכט אומגליקליך אייער איינציגע שוועסטער. און היינט וועגען ר' יעקעלע אפענבאך. צו געבען איידעלען א מאן פון 60 יאהר, האט ער בעסער נישט געקענט האנדלען. וויא נישט דערלאזען. — איך בין נישט קיין שוואגער, א גאנץ פרעמדער, נאר א גוטער פריינד, האב איך אייער טאטין געגעבען די וועלבע פארציגע פאר די תנאים צווישען 4 אויגען, דאס וואס אהרעלע אלס שוואגער האט זיך ערלויבט בקול רם — איך מיט נאך פארשטענדיגע מענשען האבען איהם שוין לאנג זיין יושר פח געגעבען. און איהר מיין ליעבע בריינדעלע! שלאגט אייך צ'ויס די נארישקייטען פון דעם קאפ, און קרענקט אייך נישט, און פערזאמערט נישט דערמיט איהם זיין לעבען. —

בריינדעלע: איהם. וואס טוא איך דען איהם? — איך לאז איהם נישט וויסען וואס ביי מיר אין הערץ טהוט זיך. וויא מיין גאל ווערט מיר צו שפרינגען — ר' יוסעלע! וועגען דען די אויגען בלינד? האט דען דער מוח נישט קיין פערשטאנד. וואס ווילט איהר מיר איינרעדען — קיינער געפעלט איהם נישט פאר איהרעט וועגען — דער איז מיאוס — דער איז א גראבער יונג — דער איז צו א חסיד. — דער איז נישט קלוג — עה ר' יוסעלע, אז איהר וועגט נישט געוועזען אויף די תנאים — וויא איהר פנים איז געווארען לויטער פייער זיא האט דערהערט אהרעלע איז דא — מיט צוויי אויגען וויא א וואלף האט זיא אויף מיר געגלאצט. פאר וואס איך בין מיין מאן א קענען געלאפען אזוי א היים עמפפאנגען — איך בין גאר אליין דארויף נישט אזא מבין געוועזען ווי פרעמדע מענשען האבען מיך דאריבער געמאכט אויפמערקזאם.

יוסעלע: מענשען! וועלכע מענשען? די מומע דבורה? די מומע האט איהר אנגעוויזען דאס פייער מיט די פונקען.

(געהט צו און זוכט עפיס אין ביכער שראנק)

בריינדעלע: ניין ר' יוסעלע, איך קען עס שוין נישט איבערהאלטען, — וואס זוכט איהר ר' יוסעלע?

יוסעלע: איך האב עס שוין. (צייגט איהר) זעהט איהר דאס חומש'ל דאס הייסט אונזער תורה, — און דא אין דער תורה האט מען אונז שטרענג פערזאגט, — אז א מאן טאר נישט נעמען דער פרוי'ס שוועסטער פאר א ווייב, ביי זיין פרוי'ס לעבען. איהר פארשטעהט מיך בריינדעלע, אהרעלע וועט זיך מיט אייך נישט גט'ן, און חתונה האבען מיט איידעלען.

בריינדעלע (שטיקט זיך פון טרערען): זיי ווילען נישט מעהר — אה נור דאס ווייגט זיי — ביים לעבען זאגט איהר ר' יוסעלע טאר מען נישט חתונה האבען מיט דער פרוי'ס א שוועסטער. — אבער (ערשראקען) נאך דעם טויט מעג מען, איהר הערט ר' יוסעלע, אבער נאך דעם טויט מעג מען — דערפאר וועט מען מיך אזוי לאנג ברענגען, עסען מיין הארץ, — פארצערען מיינע לונגען, ביז מען וועט מעגען — ביז ווען די הייליגע תורה וועט זיי שוין ערלויבען. (וויינט אויך און שרעקליך).

(אויפגעריט אהרלע דערשרעקענדיג פון דער־הערען דאס געוויין)

אהרלע: ווער וויינט עס אזוי שרעקליך? (ערבליקט) גאטעניו וואס טהוט זיך עס דא ביי מיר. — עפיס קומט מיר אנדערש נישט אוים נור פון מיין שטוב צו אנטלויפען. — פריינד מיינער — ליעבער ר' יוסעלע! קלוגער ר' יוסעלע — גיט מיר איין עצה ווי אזוי בעקומט מען צוריק דעם שלום בית ביי מיר —! (בעט זי) בריינדעלעבען טהו מיר נישט אן קיין עגמת נפש, קרענק דיך נישט, קרענק מיך נישט. פאר וואס לאזטו דיר איינפרעגען הוריות מיט נארישע בבא מעשיות. האסטו בעמערקט פון מיר חלילה עפיס שלעכטס צו דיר? (וועצט זיך נעבען איהר, נעמט זי ארום, קושט זי) קוק דיך אן מאמעלע מיינס זייט דו האסט דיר גענומען די נארישע איבערוועכטען אין זין אריין, ווי פערענדערט ווערסטו פון טאג צו טאג. (דריקט זי צו זיך מיט ליידענשאפט) וועה איז מיר בריינדעלעבען, טהו מיר נישט אן קיין צרות. (זי בערוהיגט זיך אביסיל) — בעסער לוסטיג. לעבעדיג. (קושט זי.

זי ווערד מעהר בערוהיגט). נו און דו מיך? — בריינדעלע דיין אהרעלע. (זי קוקט איהם צוריק) יא, יא, ועהסטו איך האב גאר פארגעסען, איך דארף מיך טאקי מיט דיר צו קריגען, — דו ביסט גאר נישט קיין אשה צנועה — שוין היינט דאס דריטע חנוכה ליכטעל און נאך נישט געקאכט קיין וואַרעניקעס און נאך נישט מקיים געוועזען די מצוה אקי לכבוד חנוכה. (הויבט זי אויף, פיהרט זי צום טיש) ר' יוסעלע וועלען מיר מאכען א פערביל צי איין יודישען קלאבער ? — יא א פערביל, מיין בריינדעלע האט זייער ליעב א פערביל, — ועץ דיך לעבען מיינם (אויפטריט ארטשי מיט די קארטען) אה, איז שוין טאקי דא ארטשי מיט די קארטען. —

ארטשי: קארטין נור אזוי ווי פון רענאל פאפיער. (רייסט אויף די הילע).

יוסעלע: עה מיט בריינדעלען א פערבעל, איז זעהר געפערליך, אז אפילו ביי 20 געהט זי נישט ארונטער.

בריינדעלע: (מעהר לעבעדיגער) דערפאר אנטלויפט איהר ביי 30. (זעצען זיך ארום.

אהרלע: (פול מיט פריידע) אזויא! אזויא! אזויא וויא איך האב ליעב, נור לוסטיג פרעהליך. (זעצט זיך אויך מונטער אנידער נעבען בריינדעלען. ארטשי לאזט זיך אבנעהן, אהרעלע רופט איהם צוריק) נו און דו ארטשי ? דו אנטלויפסט גאר, נאך איידער מען דעקט אויף, עס פעהלט א פיערטע האנד. קום אהער ועץ דיך אנידער. און נעם א קארט — נור זיי א העלד ווי יהודה המכבי, נישט קיין מורא האבען פאר אריבער נעמען.

בריינדעלע: (שמייכעלט) האט איהר נאר א סך געלד, ארטשי ?

אהרלע: מיין בריינדעלע זאל לעבען געהט אויף זיכער צו געווינען, — די קלערט אויף א תכלית. (אהרעלע טהיילט אוים איעדען צו צווי קארטען, דאן צו ארטשען לאכענדיג) ר' ארטשי ! דיא קארט קאסט א זעקסעריל.

ארטשי: אז זי וועט ווערט זיין. (צו יוסעלע מיט בריינדעלע) דאס מיינט מען דערווייל איך — שילמט אריין — (עס געשיהט — ער קוקט אן די קארטען). הלעבען א מציאה — נו און דיא קארט ?

אהרלע: ווייז צוויי קארטען (געשיהט)

אלע: פיפיפי — אקי רויט.

אהרלע: ביי אקי רויט אויפ'ן טיש, קאסט דיא קארט 20 קרייצער.

בריינדעלע: נו און מיינס קאסט עפים?

אהרלע: עס וואלט אפילו כדאי געוועזען דיך אויך א ביסעל אן צו שלאגען, נור ביזט דאך עפים מיין ווייבעלע (גיט איהר א קארט) א זעקסעריל (אלע צאהלען איין, אויפטריט דינסט מיט ביידע קינדער).

קינדער: (יעדעס עקסטרא דער פאטער און דער מוטער די האנד קושט און זאגען) א גוטע נאכט טאטינקו! גוטע נאכט מאמינקשו (ווי קושען זיי און די פניםלעך) א גוטע נאכט ר' יוסעלע! א גוטע נאכט ארטשי! (לאזען זיך אב געהן)

בריינדעלע: שרה! וואס האבען די קינדער געגעסען? (קינדער אב.

שרה: וואַרעניקעס און צו גלעזליך טהעע (ווי שפיעלען דערווייל).

בריינדעלע: גיב אריין אהער דיא וואזע מיט דיא וואַרעניקעס. און מאך אויך תיכף טהעע. — די מומע דבורה איז שוין אוועקגעגאנגען ?

שרה: יא! ווען די פרוי האט אזוי שטארק געוויינט, האט זי מיר געזאגט, ועהסט שרה ווי דער הערר . . . . . .

אהרלע: איך וויל נישט וויסען וואס די מומע דבורה האט געזאגט. — אוי די מומע דבורה, די מומע דבורה. — ר' יוסעלע, אייך ביידע קארטען אומזיסט. (גיט איהם צוויי קארטען, שרה וויל אב געהן).

ארטשי: שרה? (זי בלייבט צוריק) 10 און נאך א מאל פאר מיר 10.

שרה: וואס ווילט איהר ארטשי ?

ארטשי: (צום טיש) דעקט אייך אויף (צו איהר) מיר וועסטו געבען (צום טיש) איך בין פארהאנד 31. — (צו איהר) מיר וועסטו געבען וואַרעניקעס אהן גיפרעגילטע ציבעלעס — נור מיט גריוון. — (שרה אב)

אהרלע: פונקט היינט א יאהר אויך צום 3טען ליכטעל געוועזען אזוי לוסטיג, פרעהליך, דער שווער מיט דער שוויגער זענען דא געוועזען, ר' יעקב משולם מיט מינדלען, אז אפילו ר' יעקב משולם האט מיט געשפילט — אך איז דאס עפים א פערגניגען דאס שלום בית.

יוסעלע: וואס טויג מיר דארט די אלע נארישקייטען, אהרעלע זינג אונז בעסער עפים לכבוד חנוכה. זינג אונז דאס פאטריאטיש ליעד אם אין אני לי מי לי. — (זינגט).

1.

אין מצרים ליים גיקנעטין,
יודעלעס כבוד מיט פים גיטרעטין,
געפלאגט מיט שווערע עינויים,
האבין איהם די מצריים.

אוי ! דיינע קינדער – נישאכטין ווי רינדער.
אומצובריינגען דאס עם סגולה.
מיט שטארקער מאכט בעפרייט איהם.
אונזער משה איש אלהים.
געשריגען אם אין אני לי – מי לי?
(רעפריין) יודעלע ניט וויין און ניט קלאג.
וויל דיין הילף איז שוין ניט וויים.
נאהענט איז שוין דער גליקליכער טאג
פון דער גאלדענער צייט.
וועסט שפילען ווידער – פרעהליכע לידער
אויף דיין פידעלע.
נאטשים שלים – וועט פיהרען דיך
אהיים מיין יודעלע.

2.

[illegible]ער געליטען האט אמאל,
אונזער הייליג פאלק ישראל,
ביי די יונים די רשעים,
אין דער צייט פון חשמונאים.
אוי ! וואלט שנעל – געוועזין א תל
פון יעקבים קינדערלעך חלילה.
איז ארוים יהודה דער מאקאבעער,
געקעמפפט גאר אהן אויפהער.
געשריגען אם אין אני לי – מי לי?
(רעפריין) יודעלע – א. ז. וו.

3.

היינט אין אללע 4 עקען דער וועלט,
וועלכען רשע עס נור ניפעלט,
האלט יודעלען אין איין טרייבען,
און לאזט איהם ניט אויף איין ארט פערבלייבען.
אוי ! ער ווערט גיאגט – געפלינדערט געפלאגט.
אויף קינדער קיין רחמנות אפילו.
דו וועסט אויך טאקי נישט ריהען,
ביז דו קומסט צוריק קיין ציון,
נור שריי אם אין אני לי – מי לי?
(רעפריין) יודעלע – א. ז. וו.

אהרלע: עה ר׳ יוסעלע איך האב גאר פערגעסען אייך צו ווייזען מיין שיר „החשמונאים״ געדרוקט די וואך אין „הצפירה״. (גיהט אב צו זיך אין קאנצליי. אויפפריט שרה, מיט א וואזע ווארעניקעס, טעלער, לעפעל גאפעל — מען לייגט אוועק די קארטען — ברײנדעלע בהילט אוים).

ארטשי: שרה! זעה ארייגער פרעג דעם רב א שאלה. – צו איז דער אייבער אייבעל ביליכער צו ווארעניקעס – (שרה אב).

יוסעלע: איהר וועהט ברײנדעלע, זיין גאנץ לעבען איז נור אייך לוסטיג צו זעהען. – נור שלום בית – און איהר דערקוטשעט איהם. – וויפיל שמערצען האט איהר איהם דא פערשאפט מיט אייער ווייגען און זיפצען, ער פערלירט זיינע כוחות.

ברײנדעלע: (מיט די טרערען אין די אויגען) איהר בעמערקט נישט ווידער ווי דער חנוכה איז איהם נישט לוסטיג – איידעלע פעהלט איהם צו טיש.

(ווישט די אויגען מיט א טיכעלע, איז נישט צו דערקענען. — אויפפריט מינדעל, יעקב משולם. מינדעל מיט א שאל איין פאל אריין אויפגערעגט — יעקב משולם נאך איהר — יעקב משולם ווי א ער קומט אריין ערבליקט ער דאס חומשיל, פערטיעפט זיך דאריין).

מינדעל: (מיט א קוויטש) א גוטען אווענד ! וואס איז דא שוין ווידער געוועזען צווישען אייך? דער טאטי מיט דער מאמע גערן דאך אויך אהער. – ברײנדעלע וואס ביזטו פארוויינט? – ר׳ יוסעלע איהר זענט דא געוועזען און איהר האט עס צוגעלאזט? וועה איז מיר. שלאגען נאר.

ברײנדעל: (מיט א געצוואונגענעם שמייכעל) וואס פלוידערסטו? וואס רעדסטו?

מינדעל: שלינג אראב ! שלינג אראב ! דעק אלעם צו. ביז וועסט דיין לונג פערצערען, פערשטעל יענעם די אויגען ביז דיא גאל וועט דיר אויפגעהען. ווענד האבען אויערען, אין פייגעל האבען מיילער.

ארטשי: ווער שמועסט נאך אזא פויגעל ווי א דיא מומע דבורה.

מינדעל: וואס ושע זאל זיא שווייגען? עס זאל זי נישט בעריהרען גלייך ווי אייך. זיא איז נישט איהר בלוט און פלייש? עס ווערט איהר גענוג דאס הארץ צו שפרונגען.

ברײנדעלע: מינדעל לאז זיין שטיל, אהרלע קומט באלד אריין.

מינדעל: נו איז וואס איז? נור ציטער. שרעק דיך. שטעה האבטאכט פאר דעם גענעראל. ביי א ווייב ווי איך, נישט שרעקען נישט ציטערען, ער זאל ציטערען פאר דיר. פאר א טופק מיט די פים זאל איהם דאס הארץ ארויס. (מיט א געשריי) יעקב משולם ! (ער דערשרעקט זיך, א מאך צו דאס חומשיל און לויפט צו צו איהר).

יעקב משולם: וואס איז מינדיל? וואס ווילסטו?

מינדעל: יעקב משולם נעם לעג מיר אנידער די שאל. (געשיהט שנעל).

יעקב משולם! (ער שנעל צו איהר) ברענג מיר א גלאז וואסער. (ער לויפט שנעל) וארט איך וועל טרינקען ביער. (וויל ווידער לויפען) ווארט איך וועל טרינקען טהעע. (ער וויל צוריק צום ספר) יעקב משולם!

יעקב משולם: וואס ווילסטו?

מינדעל: (פייערליך) געה קוק אריין אין ספר. (ער צוריק צום ספר) זעהסט שוועסטער לעבען אוויא, אוויא, ריכטעט מען אב א מאנן, איז טאקע ליכטיג און וואהל. און מען קען אויך זיך האבען קיין ע״ה אלדינג גוטס (ציהט איהר ריקהויס) אזוי ווי גאט האט געבאטען.

(איינטריט אהרלע מיט א צייטונג אין דער האנד, בעמערקט ווי נישט).

אהרלע: דאס מינדעל או זי רוימט ביי מיר אין קאנצעליי, פערוואונדערט זי מיר אלסדינג (ערבליקט זיי) אה מינדעלע! ר׳ יעקב משולם! ברוך הבאים געסט. עפים נייעס. ווער האט אייך אהער בעצויגען? זעצט אייך. קום אהער ר׳ יעקב משולם מאכסט איין אקי? (ער פערטיפט אין חומשל) ווי פערטיעפט ער איז דארט.

ארטשי: מינדעל, גיט איהם נור א רוף מיט אייער פה קדוש (ער גיט א קוויטש) יעקב משולם!

יעקב משולם: (דערשרעקט זיך. ער לויפט צו שנעל צו מינדלען) וואס איז מינדעל?

(אללע צו לאכען זיך אפילו מינדעל).

ארטשי: פאר פחד געביך דערקענט ער נישט דאס קול פון א זכר צו א נקבה.

יעקב משולם: (מיט׳ן חומש צו אהרלען) א וואויל שטיקעל אור החיים, זעה נור אהרלע וואס דער „אור החיים" זאגט אויף „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם."

אהרלע: (נעמט ביי איהם דאס חומשיל און גיט איהם די צייטונג) זעה נור ר׳ יעקב משולם דעם שיר „החשמונאים" אין הצפירה.

יעקב משולם: (וויל נעמען) וואס איז דאס צייטונג, ימח שמם זאלען זיי ווערען אלע מיט די צייטונג. וועלכער ערהליכער יוד טאר קוקען אין די צייטונג, זיי זענען אללע אפיקורסים משומדים. איך זאג דיר אהרלע אז אפילו דער רעדאקטער פון „קול מחזיקי הדת" איז אין עבירן.

אין עם הארץ מדאורייתא. (ערבליקט ווארעניקעס) אה, ערשט היינט האט מען ביי אייך געקאכט ווארעניקעס. זעהסט אהרלע דו געהסט אלס ווייטער, ביי מיר מוזען קאכען תיכף צום ערשטען ליכטעל.

אהרלע: ברײנדעלע הײס אריין געבען די געסט ווארעניקעס. — איהר וועט עסען? — יעקב משולם מאכסט איין אקי? (ברײנדעלע אב אין קיך אריין) אך ווי זיס איז עפים א שלום בית, דאס פריידליכע פאמיליען לעבען.

יעקב משולם: מהיכא תיתא וועלען מיר עסען ווארעניקעס. — נור מיט בולבעס, ווייל גרייפלעך האב איך מורא פאר מילכיג.

מינדעל: (זעצט זיך אויך צום טיש) אך ווי זיס וואלט עס געוועזען עס זאל ווערען צוריק שלום. דער טאטע מיט דער מאמע זאלען ווידער אהער קומען. זעסט דאך ווייטער ביי דיין אהרלע, וואס איז דיך אנגעגאנגען?

אהרלע: מינדעל לעבען, רעד וועניגער און עסט מעהר.

מינדעל: קוק אן ברײנדעלען, וועה איז מיר. דו האסט זי גענומען איז זי געוועזען דיק און געזונד קיין עין הרע. און אצינד! וועה [illegible] מיר (הייבט אן צו וויינען) וואס דו האסט אוים איהר געמאכט! איך וואלט גערן בעסער געוועזען? וועה איז מיר!

אהרלע: (ווערט אויפגערעגט) זאגט נור מיינע ליעבע געסט, אפשר וואלט איהר מיך אויך פארשוינט. פאלגט מיך מאכט אחדות מיט די טאטע מאמע, און ווערט אויך מיט מיר ברוגז. — אז עס העלפט אבער נישט די חזירים קיין אבזאגען, ווייסט איהר ווער עס מאכט ברײנדעלען אזא שלעכטס לעבען? איהר! איהר אלע! מיט אייערע רכילות. מיט אייערע ליגענד, מיט אייערע נארישקייטען האט איהר אין מיין ברײנדעלען אריין געבראכט איין אייפערזוכט. וועלכעס פערביטערט מיר מיין לעבען, און באדורך צערט זי פון טאג צו טאג. אדרבה ווייזט מיר גוטע פריינד, גיט מיר איין עצה ווי אזוי אייערע פטור צו ווערען. (אויפטריט ברײנדעל שנעל).

ברײנדעל: איך בעט אייך לאז זיין שטיל. — אהרלעבען! דער טאטע מיט דער מאמע געהן אהער. — לאז זיין שטיל, רוהיג. (ווערד לוסטיגער) קומט וועלען מיר מאכען צוריק א פערביל. (יוסעלע וויל געהן) וואו געהט איהר ר׳ יוסעלע? געהט נישט אוועק ר׳ יוסעלע. איך בעט אייך געהט

ניט. נו ווער טהיילט קארטען? ארטשי עס איז אייער וויעזע. (ווייר ארונטער געהן צום טיש).

מינדעל: (בייז א שפרונג א פיר) ווער מיר וויעזע, און וואס מיר וויעזע, דער טאטע געהט, עס מוז אויפגעבראכען ווערען, עס מוז ארוים. מיר וועלען ניט זעהען ווי דו צערסט פון טאג צו טאג.

בריינדעל: (אויפגערעגט צו מינדלען) מינדעל איך בעט דיך שוויינ! שוויינ! זאג איך, ווארום איך בעקום א בלוט שטורץ.

מינדעל: (מיט כעס) ניין מיר וועלין ניט שווייגען —

אהרלע: (שטארק מיט כעס) שווייגט זאג איך אייך — איך פרעג אייך צו וועט איהר מיך אב טרעטין מיט גוטען — צו זאל איך נעמין א הייסען סאמאוואר אקריפ אין אייך אב קרילען ווי די חזירים.

בריינדעלע: (לויפט צו צו איהם מיט א געוויין) אהרלעבין? קרוין מיינע. ניט אזא רציחה. (ווייא זיא וויינט אזויא אויף איהם און האלט איהם צוריק — אויפטריט ניסעלע — פעשי שנעל).

ניסעלע: (אריין מיט כעס, פרעגט גור נישט איבער) וועמין וועסטו קרילען מיט אקריפ וויא דיא חזירים, מיינע קינדער? (צווי פעטש).

בריינדעלע: (זיך א ווארף צו מיט א שרעקליכען קוויטש אין געוויין) טאטוניו! וועמען האסטו געשלאגען? אהרלע זאגט איהם גאר נישט — נור נעהמט אוועק שטארק אויפגערעגט — וויל זיך זעצין נעבין זעעלענפריינד, דער וויל צוריק א הייב אויף און אב צו זיך אין קאנצעליי) טאטוניו! וואס האסטו געטהון (וויינט שרעקליך).

ניסעלע: (אויפגערעגט) פרעג מיך נישט קיין שאלות — אהיים! אהיים זאג איך (מיט א ווילדען געשריי — פאר שרעק קימען אריין צו לויפען ביידע קינדער, אין נאכט העמדלעך שרעקליך איבערשראקען. ביידע לויפין צו צו בריינדעלען מיט א געוויין —)

קינדער: (ציטערן) מאמוניא! מאמוניא וואס איז דא? —

ניסעלע: אהיים — זאג איך — נוא שטעה מיר נישט — שנעל אהיים — אלעס לאז איהם איבער דעם גזלן. און דוא מיט דיא קינדער צו מיר אהיים — מינדעל נעם טהו מיר אן דיא קינדער — (געלאסענער) און איהר ר׳ יוסעלע! גוטער פריינד מיינער, ידיד נפשי. איהר זענט דא א גאנצער בן בית, איהר קוקט צו יעדען טאג, וויא מען שנייד מיין קינדס פלייש מיט שארפע מעסערס און איהר העלפט איהם צו? איהר האט געזעהן וויא ער האט מיין קינד געשלאגען!

בריינדעלע: אבער טאטוניו! (מיט געוויין).

ניסעלע: פאל מיר נישט אין דיא רייד אריין ווען איך רעד — איהר האט געזעהן וויא ער האט מיין קינד געשלאגען, און איהר האט געשוויגען — איך וועל איהם אייך צו לאזען פאר איין אידעם, אבער נישט חלילה קיין אלמן נור א גרוש — נוא בריינדעלע שטעה נישט, טהו דיך אן און קום זאג איך.

יוסעלע: (וועלכער ויצט ווייס, און אויפגערעגט) ר׳ ניסעלע איהר זענט אימגאנצען חסר דעה געווארען.

בריינדעלע: טאטוניו! ביזט שטארק אויפגערעגט. ווייסט נישט וואס דו רעדסט, וועה איז מיר — און ווייסט נישט וואס האסט געטהון —

ניסעלע: איך ווייס נישט, אמת — אמת איך וויים נישט — איהר מאכט מיך מבולבל — איהר מאכט מיך פארריקט — איך בין חסר דעה זאגט ר׳ יוסעלע זעעלענפריינד (מיט געוויין) אמת איך האב בעדארפט אנדערשט צו טהון. — קום אהער — (צום וועג וואס געהט צו דער קאנצעליי) קום אהער מיין הארצעדיגער אידעם — גיב אהער דיין האנד צו קישען, פאר מיין טאכטערס געזונד — פאר מיין טאכטערס שעהן אויסזעהן — פאר מיין טאכטערס ליגען מיט'ן הערץ — איהר זענט גערעכט, אלע האט איהר רעכט — נור דער וויל קום אהיים זאג איך (אויפטריט אהרלע צוריק פון דער קאנצעליי, מיט א שטאטפעלע — קריממעדהיטעל — שטעקעלע — שטארק ווייס אין אויפגערעגט — בעהאלט שליסעלעך אין קעשעני אריין — בריינדעלע לויפט איהם א קעגין פאלט אויף איהם ארויף וויינט שרעקליך).

בריינדעלע: אהרלע האב אויף מיר רחמנות, אהרלע, אהרלע. (וויינט — ער נעמט זיא בערוהיגט און פיהרט זיא צו צום זאפא, זעצט זיא אנידער).

אהרלע: (רעד אין שטילען טאן אבער אויפגערעגט) שווער! איהר האט מיר געגעבין א פאטש, איך האב ביי דעם אפשר אויך מקיים געוועזען כיבוד אב און אייך געשוויגען. איך האב אייך נישט — און וועל אייך נישט צוריקשלאגען. מיין האנד האט נאך אין מיין לעבען קיין מענש נישט געשלאגען. — איבערהויפט זענען דאס די ערשטע פעטש וואס איך האב בעקומען אין מיין לעבען פון איין אן... נור ניין, ניין! איך וועל אייך נישט בעליידיגען אויך. — איהר האט רעכט, מען דארף פאלגען

א טאטען. — ברײנדעלע! דו דארפסט נישט גיהן צום טאטען, דער טאטע איז דא ביי דיר. חלילה — דאס איז ברײנדעלעס היים — איהר קענט אלע דא זיין. (ניט ארשטין א שליסעל) פאר שלים מיר די קאנצעלײ. (לאזט זיך גיהן).

ברײנדעלע: (אהייב אויף מיט א געוויין) אהרעלע וואו געהסטו?

אהרלע: איך געה זוכען מיין שלום בית. דא האבען מיר די מלאכי חבלה מיין גאנצען שלום בית געטריבען.

גיטעלע: (מיט כעס) וואו געהסטו? זאג מיר וואו דו געהסט.

אהרלע: אה וועהט איהר. אויף דעם בין איך שוין נישט קיין מחויב א תשובה צו געבען.

ברײנדעלע: (נעמט איהם אן) וועסט נישט גיהן אהרעלע. — אהרעלע איך שרעק מיך פאר דיר.

אהרלע. איך בין חלילה נישט קיין מזיק. ניין. ניין שרעק דיך נישט. און אז איך האב געזאגט איך געה, געה איך. (וויל געהן).

גיסעלע: פאר איין ניגונה וועסטו מיין טאכטער נישט לאזען — פריהער וועסט איהר געבען גט. און דערנאך געה.

אהרלע: (אויסגערעגטען שמייכעל) עס לויפט עפיס ביי זיי אזוי שנעל. — שנעלע פעטש — שנעל א גט — שנעל איין ניגונה. ניין ניין שווער לעבען שנעלע פעטש קענט איהר געבען. שנעל לאזען דאס ווייב פאר איין ניגונה קען נור א חסיד. א ר׳ יעקב משולם. און צו א גט געבען מוז מען האבען ישוב הדעת. נישט מיט חסר דעה. — האט מיר א גוטע נאכט. קומט ר׳ יוסעלע.

ברײנדעלע: (לויפט צו צו דער טהיר מיט א היסטערישעם געוויין, און פערמאכט די טהיר) אהרעלע, וועסט נישט געהן.

ניסעלע: (מיט אונגאטירליכען כעס פערשטעלט איהם דעם וועג) וועסט נישט געהן.

אהרעלע: (מיט שטארקער אויפרעגונג) געהט מיר פון דעם וועג. רייסט מיר נישט מיין געדולד. איך געה — לאזט מיך געהן. (ער וויל געהן,ביידע הייזער פאלען צו צו איהם מיט א געוויין, און הענגען זיך אויף איהם ארויף).

קינדער: (מיט שרעקליכען געוויין) טאטיניו! וואו געהסטו? טאטיניו! געה נישט.

(זיי וויינען, ער בלייבט שטעהן, נעמט זיי ביידע ארום מיט א שרעקליכען מיטלייד — פויזע. ברעכט אויס מיט א געוויין).

אהרלע: וויינט נישט קינדערליך! וויינט נישט. דער מאן וואלט שוין געגאנגען, נור דער טאטיניו — אוי דער טאטיניו געהט נישט.

(סיטואציאן אויף די קינדערס קעפעלעך, ברײנדעלע וויינט היסטעריש דעם קאפף אנגעשפארט צו דער טהיר).

(פארהאנג פאלט לאנגזאם).

ענדע צווייטען אקט.

דריטער אקט.

(שטעלט פאר איינע קאנצעלליי איינגעריכטעט. שרייב טיש — ביכער שראנקע — קאסע קאסטען, א טעלעפאָן מיט צוויי רעהרען. — שפּעטער 3 יאהר — עס איז 6 אוהר אבענדס. — אויפטריט ארטשי מיט א פלאש וואסער. שטעלט אנידער אויף א קליין טישעלע).

ארטשי: פּע עפּיס קאַלעמוטנע אויפ'ן האָרץ. — פאַר וואָס ווייס איך אַפילו נישט — וואָס איז אַרטשי? בררררר! — א טשאַכק אין העֶרץ. טיפּוש (צום הערץ) וואָס טשאַכקעסטו? סי'טשאַכקעט אָבער פאַרט. אַנצוקוקען אַהרלעם ציגעלייגטקייט, זיין פערשטערטעס ווי ער רופט עס אָן שלום בית. — זאָגט ער יאָ, זאָגט בריינדעלע ניין. — זאָגט ער טאָג, זאָגט זי נאַכט. — וויל ער לאַכען, וויל זי וויינען — וויל ער דעם פידער, וויל זי דעם באַסס. וויל ער דעם פעטער, וויל זי די מומע. תמיד האָט אַהרלע געוואוסט נאָר די היים, די שטוב, זינגען, לאַכען, לוסטיג לעבעדיג, היינט דאַנקט ער גאָט אַז עס טרעפט זיך איהם א וועג ערגיץ אַוועק צו פאָהרען פון דער היים. סמוטנע, א שוואַרצע מרה שחורה אויף זיין פּנים. דער קאָפּף דינט איהם נישט מעהר. אָט זיין איינציגע שמחה איז נור די קינדערליך, זיי פערטרייבען איהר א מאָל זיין עגמת נפש. אוי ווייבער, ווייבער מאַכט איהר פון דעם מאַנן א תל. צו וואָס זשע זאָל איך חתונה האָבען? אַז וואָס דער מאַן וויל קומט דאָס ווייב און טהוט פאַרקעהרט (זינגט)

1.

וויל איך זאָגען — זאָגט מיין ווייב,
וויל איך קלאָגען — קלאָגט מיין ווייב,
וויל איך וויינקען — ווינקט מיין ווייב,
וויל איך טרינקען — טרינקט מיין ווייב,
וויל איך טהון — טהוט מיין ווייב,

וויל איך רוהען — רוהט מיין ווייב,
וויל איך דענקען — דענקט מיין ווייב,
וויל איך קרענקען — נו קרענק מיין ווייב
(רעפריין) נו פרעג איך אייך,
צו איז דאָס גלייך,
דאַרף דאָס טאַקי אַזוי צו זיין,
אַז וואָס איך וויל,
קומט אין דער שטיל,
דאָס ווייב און טהוט נאָר פאַר דעם מאַנן. (ביז...)

2.

וויל איך שטעהן — שטעהט מיין ווייב,
וויל איך געהן — געהט מיין ווייב,
וויל איך לויפען — לויפט מיין ווייב,
וויל איך קויפען — קויפט מיין ווייב,
וויל איך שטראָפען — שטראָפט מיין ווייב,
וויל איך שלאָפען — שלאָפט מיין ווייב,
וויל איך ליעבען — ליעבט מיין ווייב,
וויל איך געבען — גיט מיין ווייב,
(רעפריין) נו פרעג איך אייך, א.ז.וו.

3.

וויל איך קריכען — קריכט מיין ווייב,
וויל איך זוכען — זוכט מיין ווייב,
וויל איך שמיעסען — שמיסט מיין ווייב,
וויל איך גיעסען — גיעסט מיין ווייב,
וויל איך יאָגען — יאָגט מיין ווייב,
וויל איך טראָגען — טראָגט מיין ווייב,
וויל איך העבען — הייבט מיין ווייב,
וויל איך לעבען — אוי לעבט מיין ווייב,
(רעפריין) נו פרעג איך אייך — א.ז.וו.

(נאָכ'ן זינגען הייבט אָן צו קלינגען דער טעלעפאָן).

ארטשי: אַ, מען רופט צום טעלעפאָן. (ער געהט צו) האַלאָ — א ביסעל העכער! ווער איז? ווער רעדט ביים טעלעפאָן? — א, פרייליין וועלענפריינד, נעמט אַוועק א ביסעל ווייטער דאָס מויל פון דעם רעהריל וועל איך בעסער

הערען. — איך בין עס ארטשי. — ווער דער טאטע? גיין. ער איז אהער געגאנגען וועט ער אודאי קומען. — איך זאל איהם זאגען ער זאל אייך רופען צום טעלעפאן. גוט — פאר נאכט זייגער 4. אדיע — (געהט אוועק פון דעם טעלעפאן) אה דער איינציגער עדלער מענש ר' יוסעלע זעלענפריינד ער איז זיין גאנץ לעבען. (אויפטריט יוסעלע) אה, ברוך הבא ר' יוסעלע. איהר ווייסט אהרלע איז שוין דא.

יוסעלע: יא איך וויים. ער האט מיך געלאזט וויסען. וואו איז ער?

ארטשי: אזוי ווי ער איז געקומען האט ער זיך נור בעגריסט מיט בריינ־דעלען און טאקי תיכף ערגיץ אוועק. אבער ער קומט באלד. זייגער 6 האט ער מיר געזאגט וועט ער זיין. — ר' יוסעלע! אהרלע איז עפים די טעג אזוי סמוטנע, אומעדיג — מאכט עפים היינט ביי נאכט א ביסעל פריילייך אין שטוב. ר' יוסעלע איך בין געוועזן ביי ר' ניסעלען מבקר חולה זיין — זיי וואלטען זיך געוואלט איבערבעטען.

יוסעלע: איבערבעטען הייסט ווידער א רוגז — דא פרודער לעבען קען מען שוין שלום? נישט מאכען. האסט אמאל געלערענט אין א חדר ארטשי?

ארטשי: וואס דען נישט. איך האב אפילו לאנג געלערינט. נאר איך קען זעהר ווענינ.

יוסעלע: די גמרא שרייבט, רכילות הרגט 3 מענשען. דעם וואס ער טראגט. פון דעם וואס ער טראגט. און דעם וואס ער נעמט עס צו.

ארטשי: און איהר זעהט דאך די מומע דבורה איז נאך נישט דערהרג'ט געווארען. גאטיניו! וויפיעל שלעק דו האסט אויף דער וועלט שיק איין שלאק דער מומע דבורה. וויפיעל פורעניות'ן עס דרייען זיך ארום, שיק איין פורעניות דער מומע דבורה. (אויפטריט אהרלע זעהט בלאס אויס, גיט זיך שלום מיט זעלענפריינד. קושען זיך, ארטשי נעמט ביי איהם אראב דעם ראק, אב).

אהרלע: וואס טהוט איהר עפים מיין ליעבער הערצפריינד ר' יוסעלע? שוין 8 טאג האב מיר זיך נישט געזעהען. איך האב מיך אפילו בעדארפט אין אלמיץ צו פערזאמען נאך עטליכע טאג. נור דער מארגענדינער טאג האט מיך אהיים געבראכט (פעפעט דעם קאפע קאפען

...ט ארויס ארעכנונג) עס איז דעם מאנטיג געוועזען אין אלס... איין געפעהרליכער אויפטריעב.

יוסעלע: איך האב געלעזען אין דער טעלעגראמע 6500 שטיק.

אהרלע: און די פרייזען האבען זיך גאר נישט געבעסערט. עס געהט שלעכט מיין ליעבער פריינד. (זעצען זיך ביידע ביי דער רעכנונג). 52 טויזענד גולדען בין איך שולדיג. אויף דעם האב איך 34, און 18 טויזענד פעהלט מיר. אויף מארגען איז פעלליג א וועקסעל פון 8 טויזענד גולדען. האב איך אין באאר 5 און 3 פעהלען מיר. אצינד מיין פריינד גיט מיר איין עצה אויף די 3 וועגען; צי צו באנקראטירען ערווארטעט מיך קרימינאל. צו נאך היינט ביי נאכט צו אנטלויפען נאך אמעריקא. — צו... (הייבט זיך אויף מיט א פירכטערליכען שמערץ קלערענדיג און רייסענדיג די האאר אין קאפ געהענדיג איבער'ן צימער). צו... צו... פע א פאסקודנע וועלט. נור צרות, דאגות יגון ואנחה. פע איין עולם הפוך.

יוסעלע: (נעמט איהם דורך, קוקט אויף איהם האלב אויפגערעגט) אהרעלע דו האסט אצינד געהאט זעהר א שלעכטען געדאנק. אהרלע אזא געדאנק פאסט נישט פאר דיר. פאר א יוד מיט 5 חומשים. א יוד מיט תורה און בילדונג. אהרלע זאג מיר אז דו האסט דאס נישט געקלערט וועסטו מיך בערוהיגען.

אהרלע: איך האב עס יא געקלערט...

יוסעלע: (שטארקער אויפגערעגט) אהרלע! האסטו פערגעסען אין „המאבד עצמו לדעת", נישט אזוי עולם הבא פערלירט ער. נור זיינע קינדער א בושה אויפ'ן גאנצען לעבען. אהרעלע! גיב מיר די האנד, שווער מיר אז דער געדאנק איז דיר שוין פערשוואונדען. אז די מחשבה איז שוין נישט אין דיין מוח.

אהרלע: ניין, ניין! ר' יוסעלע — עס איז נור געוועזען א ווילדער דורכ־לויף איבער'ן קאפ — א ביטערער רוח רע איז מיר דורך געפלויגען אין מיין מוח — אבער איך שווער אייך, איך האב די מחשבה זרה שוין פערטריעבען פון מיר (א ביסעלע בעהערשענד), עה, וועה איז דעם, וואס קען קיין שלעכטע שעה נישט איבערטראגען — (זעצט זיך צוריק נעבען יוסעלע).

יאסעלע: 8000 (קיקט אין פאפיער) גולדען וועגען מארגען פעליג — 5 טויזענד האסטו אין באאר — צוויי טויזענד האב איך.

אהרלע: ר' יוסעלע! וואס רעד איהר? מאכט נישט אומגליקליך אייער אייגען קינד. דאס איז איהר נדן. דעם לעבערדיגען זאק וועט איהר דאמיט שוין נישט פאררעכטען.

יוסעלע: עה! דו ביסט א יונגער מאנטשיק — פינף טויזענד האסטו, צוויי האב איך, איז זיעבען — דיין צירונג און זילבער טאר מען נישט פערזעצען פאר מענשען, אויף מיינעם קען איך קריעגען 4 הונדערט גולדען — פעהלט אונז נאך 600 גולדען —

(אויפטריט צוויי יודען, שעהן יודיש געקליידעט — אהרלע געהט זיי א קעגען. זיי בעגריסען, ער ערווידערט).

אהרלע: (גיט זיי שלום) איך בין אהרן הערצמאן. וואס פערלאנגען די יודען?

איינער: איך בין אנטשיל ליכטענשטיין פון קראקא, און דאס איז מיין מחותן ר' אברהם'טשי בערגער. מיר זענען אהער צוזאמענגעפאהרען וועגען השידוך און מיר מאכען היינט ביי נאכט תנאים. אזוי ווי מיר האבען אב געשלוקט דיא נדנים קודם התנאים, זענען מיר אייך געקומען בעטען, מיר ווילען ביי אייך איינלעגען דעם נדן פון זעקס טויזענד גולדען, און איהר וועט אזוי גוט זיין אונז ארויס געבען א שלישית־צעטעל צו א יעדען בעזונדער — און אז איהר זאלט וועלען אונז כבוד אנטוהן, וואלט מיר אייך געבעטען אויף די תנאים.

אהרלע: ראשית, מיינע ליעבע יודען לאז אייך זיין מיט מזל! — און דעם ביליק, מיינע ליעבע, קען איך ביי אייך נישט אננעהמען ווייל (צולאכט זיך) איך האב ערשט פאר א יאהר געהאט א שלעכטען סוף מיט שלישית געלד — א חתן האט אויסגענארט ביי דער כלה דאס שלישית צעטעל און איז צו מיר געקומען מיט ביידע שלישית־צעטעל, בין איך געווען א חיוב איהם דאס געלד ארויס צו געבען?

ביידע: עס פארשטעהט זיך!

אהרעלע: עס פארשטעהט זיך! אזוי האב איך אבער דערנאך געהאט צרות, יגון ואנחה, איך בין געווען א עדות ביים קרימינאל, איך האב זיך אין מיין לעבען קיין מאל נישט געשוואוירען, און דא האב איך

געמוזט שווערען — האב איך מיר דערמילט צום נדר געמאכט, אז איך זאל מעהר אין מיין לעבען קיין סילוק און שלישית געלדער נישט אננעהמען. — געהט אריבער צו מיין שוואגער, ר' יעקעלע אפפענבאך, ביי איהם קענט איהר מסלק זיין, ער וועט ביי אייך אננעמען, און עס איז ביי איהם גאנץ זיכער.

יוד: האט זשע מיר נישט פאר איבעל. א גוטע נאכט!

אהרלע: (בעגלייט זיי ביז צו דער טהיר) א גוטע נאכט. לאז אייך זיין מיט מזל —

(יודען אב, אהרלע צוריק צו יוסעלען).

יוסעלע: (מיט א פערשטענדיגען שמייכעל) מיין ליעבער פריינד אהרל'ע! ערעל האסטו אצינד געהאנדעלט, נור נישט סוחר'ש —

אהרלע: ניין, ר' יוסעלע! איך האב דאס נישט געקענט נעהמען, ווייל איך זעה איך פאל. די מענשען וועלכע וועלען פאלען פאר קרבנות אין מיין באנקראט, די האבען מיט מיר געהאנדעלט, ביי מיר אפשר א מאל פערדיענט. אבער דא אונגליקליך צו מאכען אונשולדיגע מענשען — דאס הייסט איין אמת'ע גנבה, רציחה, גזלה — ניין, ניין, ר' יוסעלע, נישט אהרלע הערצמאן — דער פלאן, ר' יוסעלע, וועט זיין נישט קרום. איך פאהר זייגער עלף מיט'ן בליצצוג א וועק, און איך וועל אייך געבען א וועקסעל אויף פינף טויזענד גולדען אויף מארגען פריה צו פראטעסטירען פאר א יעדען מיט א בעשלאג אויף דעם הויז — און איהר בלייבט פרימא־לאקא.

יוסעלע: איך בלייב פרימא־לאקא — דאס הייסט דער ערשטער קלענער, דו וועסט בלייבען אויף צרות אין אמעריקא, דיין ווייב מיט קינדער אויף צרות דא — און דער נאמען אהרלע הערצמאן בלייבט באנקראט און בלאמירט. ניין, אהרלע, עס איז נישט קיין גוטע עצה — מיין עצה איז: „טובים השנים מן האחד", „והחוט המשולש לא במהרה ינתק"...

אהרלע: וואס מיינט איהר דערמיט?

יוסעלע: א דריטע פערזאן — יא, אהרלע, א דריטע פערזאן איז דאס איז איידעלע —

אהרלע: (עררעגט) ר' יוסעלע, וואס זאגט איהר? איהר פערגעסט, מיין פרוי אייפערט, יענקעלע אפפענבאך אייפערט, און איידעלעס עהרע וועט

וועלן האבן שטארק געשמוצט. דער בעסטער פלאן איז, מיין פריינד (א קוק אויפן זייגער) אצינד איז זיבען, און ביז עלף אוהר בין איך זיינע קעלנער.

יוסעלע: נור רוהיג — איך האב שוין אײדעלען אלעס געשריבען אין וועגען בער א לאנגע דו געפינקסט דיך.

אהרלע: ר' יוסעלע וואס האט איהר געטהון?

יוסעלע: איך האב שוין גוט געטהון. לעז איהר אנטווארט (גיבט איהם א בריעף).

אהרלע: (לעזט) ליעבער פריינד ר' יוסעלע! אייער בריעף האט מיין פערשטאנד געראובט. פאר מיין עדלען שוואגער און הערצענספריינד'ס כבוד און לעבען צו רעטען, וועל איך מיינם אויפאפפערען. איך וועל אייך באלד לאזען וויסען. אײדעל אפענבאך. (טרינקט נאך לעגט נידער דעם בריעף אם טיש. אויפטריט ארטשי).

ארטשי: ר' יוסעלע! איך האב גאר פערגעסען, אייער טאכטער האט גע-פרעגט ביים טעלעפאן צו איהר וועגט דא, זי דארף אייך געטהיג (ארטשי אב)

יוסעלע: (צום טעלעפאן קלינגט אן) ביטע נומר 365 (פויזע. קלינגט צוריק) האלא — רבקהלע? — וואס האסטו מיך גערופען? — צו אײדעלען. וואס האט זי געברענגט — צו איך בין דא? — גוט, אדיע. (נאך א מאל א קלונג. פויזע. קלינגט צוריק). ביטע נומר 425 (פויזע).

אהרלע: (געהט צו צום טעלעפאן) וואס האט איהר געזאגט אײדעלע?

יוסעלע: אײדעלע רופט מיך צום טעלעפאן — (קלינגט ער נעמט איינם צום אויער און אהרלע איינם צום הערען) האלא — אײדעלע? — איך בין עס, וועלענפריינד וואס איז? — אהרלע איז שוין דא — איהר וועגט אויפגערעגט, איך זאל באלד קומען — באלד — (אויפטריט ברײנדעלע, קרענקליך — זעהט ווי זיי שטעהען ביים טעלעפאן מיט'ן פנים צו דער וואנד) אהרלע זאל אויך קומען? — אײדעלע ווען קומט דיין מאן? — ער איז שוין דא? נו? — אלעס אין בעסטער ארדנונג! גוט — אדיע, וואַרט, אהרעלע וויל דיך עפּיס פרעגען.

אהרלע: (צום טעלעפאן, דעדוויל ערבליקט ער ברײנדעלען — לאזט אב דעם טעלעפאן — זי שטעהט האלב טויט, שמייכלענד) ביזט שוין לאנג דא, ברײנדעלעבען? איך האב גאר נישט געהערט, ווען דו ביזט אריינגעקומען. (טעלעפאן קלינגט).

ברײנדעלע: נו, האסט דאך אויך געוואלט עפּיס זאגען — איך האב זיך

איבערגעשלאגען? (צו צום טעלעפאן) ער קען שוין גאר נישט זאגען, ביי אומגעריכט איז ברײנדעלע אריין געקומען. (צו אהרלען) דאס ווייס איך, האסט נישט געהערט ווען איך בין אריינגעקומען — איינגאנצען איבער-געשלאגען.

יוסעלע: ברײנדעלע! איך וועל אייך בעטען, איהר זאלט אונז אצינד נישט שטערען — מיר האבען געראדע אצינד וועהר א וויכטיגע זאך צו ערלעדיגען.

ברײנדעלע: אוודאי! ווער קען דאס זאגען אז דאס איז נישט וויכטיג? אײדעלע נישט וויכטיג? צוויי שעה איז ער שוין דא, האט ער מיר קוים א שלום געגעבען — ווי אין אמת'ן צו וואס טויג א קראנק ווייב? אוודאי איז אײדעלע ליעבערש, שעהן און געזונד — (שטיקט מיט טרעהרען) געהסט באלד אהין, עס איז וויכטיג? ר' יעקעלע אפענבאך איז דאך אבער שוין דא.

אהרלע: ברײנדעלעבען — שאהן דיר דאס געזונד, דאס לעבען, מיין מיהע וואס איך וועגדע אן, איז נור דיך צו רעטען, דיך צו וועהען צוריק געזונד. ברײנדעלע רויב מיר נישט מיין פערשטאנד, איך וועל פער-ריקט ווערען...

ברײנדעלע: אווי ווייט ברענגט די ליעבע, אזש ביז צום שגעון — (ערבליקט דעם בריעף אם שרייבטיש און נעמט איהם צו)

אהרלע: גלויב מיר, איך האב אײדעלען נישט געזעהען זייט זי האט חתונה.

ברײנדעלע: (שרייט) נישט געזעהען? נור דורך דעם טעלעפאן. חח חח חח — און דאס קינד אײדעלעס איז אויך נור דורך דעם טעלעפאן?

אהרלע: (שרעקליך געריהרט) ר' יוסעלע, ר' יוסעלע, איך פערליער מיין פערשטאנד, איך ווער פערריקט (צעוויינט זיך שרעקליך, איינע שרעקליכע אויפרעגונגסצענע).

ברײנדעלע: אווי, אווי, אלעס וואס איך בין אצינד אנגעקומען — אז מען וויל מיין ליעבער מאן רעדען צו א כלה, מוז מען פארזיכטיג זיין, מען פערשליעסט די טהיר, דאס ווייב זאל נישט אנקומען!

אהרלע: (עס ווערד איהם שלעכט, יוסעלע נימט איהם שנעל וואסער — ער טרינקט א ביסיל וואסער) ר' יוסעלע, עס איז מיר נישט גוט.

ברײנדעלע: (נעהם צו איהם צו) נו, נו, רעג דיך נישט אזוי אויף. איך װעל נישט דערצעהלען דײן װײב.

יוסעלע: (שרעקליך אױפגערעגט) ברײנדעלע איך װעל בעטען, איהר זאלט אונז אבטרעטען, איך מוז אײך זאגען, אז איהר װענד א — — — איך בעט אײך געהט אצינד ארױס פון דאנען. (צײגט איהר די טהיר)

ברײנדעלע: נו, װאס רעדט איהר נישט װײטער? װאס בין איך? א״ין אויסגעלאסענע פרוי, װעלכע האט א מאן און דאצו דער שװעסטערס מאן — (װײנט).

אהרלע: (שפרינגט אויף) איך בעט דיך זאלסט ארױס געהן — ארױס װײל איך זאלסט געהן, װען דו װילסט נישט. (האפט דעם ברענענדיגען לאמפ אין דער האנד) אז אין דײן געגענװארט גיט איך אויף מיר אויס דעם ברענענדיגען לאמפ (מיט דער צװײטער האנד צײגט ער איהר די טהיר) בעט איך דיך, געה ארױס (זי ברעכט אויס אין א היסטעריש געװײן. יוסעלע פיהרט זי ארויס. אהרלע שטעלט אנידער דעם לאמפ און בלײבט זיצען שטארק אבגעמארטערט און אטהעמט).

יוסעלע: (צוריק צו איהם) אהרלע! נור שטאנד האפט — בערוהיג דיך. איך געה אריבער צו אײדעלען, און אז איך װעל דיך דארפען, װעל איך דיך רופען. ביזט אויפגערעגט. לעג דיך א ביסעל צו אויף דער זאפע (נעמט זיך דעם אויבערראק. שטאק) אהרלע, האסט דאך ערשט אלײן געזאגט: „װעה איז דעם מענש, װאס קען קײן שלעכטע שעה איבער טראגען" (לעגט איהם אויף דער זאפע). אדיע אהרלע! (אב).

אהרלע: (ליעגט א װײלע — הײבט זיך אויף, געהט שרעקליך אויפגערעגט איבערין צימער מיט װילדעס נאכדענקען, דרעהט אײן די לאמפע, געהט איבערין צימער, קוקט אויף יעדער װאנד, גלײך װי ער דענקט װא ער זאל זיך אויפהענגען, געהט נאך א מאל איבערין צימער — מיט אמאל ראש א דרעה אויף צוריק די לאמפע, בעלײכטעט, א געה צו צו דער טהיר, א װילדען רוף) ארטשי! — (אויפטריט ארטשי).

ארטשי: (מיטגעשפיטט) װאס איז אהרלע! אהרלע? זאג מיר אויף, דײן הארצפרײנד, דײן געשװעסטער קינד — זאג מיר אהרלע, װאס איז דיר? עפּיס ביזטו שרעקליך פערענדערט —

אהרלע: (לאכענד) נײן, ברידער ארטשי, עס איז מיר גאר נישט — עפּיס די לעצטערע צײט האב איך בעקומען א פעהלער פון אויפרעגונג —

פאר דעם מינדעסטען הערשרעק איך מיך. בײ נאכט האב איך שרעקליכע חלומות, איך האפ מיך אויף מיט א פחד װי א קלײן קינד — אבער זאנסט איז מיר גאר נישט —

ארטשי: אוי אהרלע! (װײנט) דײן מרה שחורה פון בײ טאג שרעקט מיך מעהר װי דײנע חלומות פון בײ נאכט, דײנע קנײטשען אין פנים מאכען מיר לעבער אין די לינגען... (װײנט שטארק) דורך דײנע גיעסענדע טהרערין גיסט זיך מיר בלוט פון מײן הערץ. (פאלט אויף איהם ארויף) אהרלע, מײן ליעבער אהרלע! זאג מיר, װאס איז דיר? פעהלט דיר לעבען? נעם דיר מײנס.

אהרלע: נײן ארטשי ברידער, װײן נישט, עס איז מיר גאר נישט — (פ״ט שרעקליך אויפגערעגטען שמערץ) ארטשי רוף מיר אריין די קינדער.

ארטשי: יודעלע שלאפט שוין, נור פײװעלע איז דארט מיט׳ן פידעלע.

אהרלע: רוף מיר אריין פײװעלע׳ן מיט׳ן פידעלע (ארטשי אב. — אהרלע זעצט זיך אנידער) „המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא" האט ער געזאגט. װאס זשע זאל איך מורא האבען פאר עולם הבא, װען דער עולם הזה מײנער איז אין גאנצען פארשפּיעלט? זאל איך ציטערען פאר יענער װעלט? װען די װעלט פערפאלגט מיך מיט אזוי פיעל צרות און שמערצען? (קעמפפט מיט זיך) איך האב איהם געשװארען — אװעק איהר מחשבות זרות פון מיר, אװעק דו רוח שטות, אין מײן צלם אלהים װעסטו א פגם נישט מאכען!

(אויפטריט ארטשי מיט פײװעלע מיט׳ן פידעלע).

פײװעלע: טאטיניו, ארטשי זאגט, װילסט מיך הערען שפּיעלען, אוי האב איך הײנט בעקומען פרישע נאטען מיט א װעלכע שעהנע שטיקלעך (לעגט אוים די נאטען).

אהרלע: (קושט איהם שטארק) זונינו! שפיעל מיר עפּיס א גיט שטיקעלע. אזוי איך זאל א הנאה האבען — (פײװעלע נעמט דאס פידעלע און ריכטעט עס).

ארטשי: (צו פײװעלען) פײװעלע שפיעל מײן שטיקעלע דאס װאס איך האב ליעב — חתן כלה מזל־טוב (אהרלע שפארט זיך אן שרעקליך אויפגערעגט. מחשבות פליעהען איהם איבערין קאפ).

קינד: ארטשי, דײן שטיקעלע! (שפּיעלט. ארטשי הײבט אן א בובעל צו טאנצען. אבי אהרלען לוסטיג צו מאכען).

אהרלע: (ערוואכט פון דעם נאכדענקען) ניין, נישט דאס — עפיס אנדערש —

קינד: (נעממ אנדערע נאטען) אוי טאטיניו, דאס איז שעהן!

אהרלע: גיב מיר אהער די נאטען, (זוכט) וואס איז דאס?

קינד: דאס איז א פראסטע שיר המעלות!

אהרלע: וואס הייסט א פראסטע שיר המעלות? שפיעל מיר דעם פראסטין שיר המעלות (קינד געהט צוריק און שפיעלט, אהרלע זאגט איהם נאך מיט ווערטער).

אהרלע: שיר המעלות — ממעמקים קראתיך ד' — אדני שמעה בקולי — תהיינה אזניך קשובות לקול תחנוני — (ארטשי זעצט זיך א נידער סמוטנע און א ווינקעל מיט גרויס עגמת-נפש) אם עונות תשמר יה — אדני מי יעמוד — כי עמך הסליחה, למען תורא — קויתי ד' קותה נפשי ולדברו הוחלתי (צעוויינט זיך שטארק).

קינד: (לעגט וועג דאס פידעלע) טאטיניו! איך וויל דאס נישט שפיעלען, דו וויינסט שטארק — איך האב מורא! (אהרעלע נעמט א חאפ דאס קינד, קישט עס זעהר מיט א שטארק געוויין אויף דעם קינדס קעפעלע).

אהרלע: (מיט געוויין) נפשי לד' משומרים לבוקר, שומרים לבוקר (קינד וויינט אויך. פאוזיציאן).

פארהאנג פאלט לאנגזאם.

פיערטער אקט.

(איין רייכעס צימער ביי איידעלע, א דיענסט מיט א קינד שפיעלט זיך מיט א רייף. אויפטריט יוסעלע זעלענפריינד.)

יוסעלע: גוטנאווינד!

דיענסט: א, הערר זעלענפריינד! ווארטעט איין מינוט, איך געה אייך אריין שיקען די פרויא (נעמט דאס קינד און געהט אב).

יוסעלע: אלעס לעבעדיג — איבעראל שמעקט, פינסטליך — רייכטום גלענצט איבעראל. נור מיר דאכט זיך וויא אלעס ברילאנטירט אזוי איבעראל, אזוי איז פינסטער און שווארץ אין איהר הערצען אין א יעדען ווינקעלע — צו ליעב דעם טאטינס געזונד, צו ליעב דער שוועסטערס שלום בית, איז זי געגאנגען די צנועה זיך איבערגעבען צו א מאן פון 60 יאהר. — נור אפשר איז דאס געוועזען א ווינק פון דעם הימעל? שעהנע שפיליכער שפילט זיך מיט אונז אב דער רבונו של עולם, מיט איינעמ'ס פינסטערניס דעם צווייטען צו בעלייכטען פערקרימט איינעם דעם וועג כדי דעם צווייטען ארויף צו פיהרען אויף א גלייכען, — נור אין להרהר אחר מדותיו האט ער אן געשריעבען, קלער נישט איבער מיינע טהאטען. (אויפטריט איידעלע שעהן געקליידעט) א גוטען אווינד אייך איידעלע!

איידעלע: א גאסט ביי מיר — נאך אזא טהייערער גאסט. יא, יא א וודאי א וודאי וואלט מיר דער גאסט פיעל מעהר בעקומען ווען ער קומט צו מיר מיט א בעסערער בשורה ווי ער איז געקומען — נור דאכט זיך מיר איך האב פארהערט — ווי אזוי האט איהר מיך בעגריסט ר' יוסעלע? זאגט, זאגט איך בעט אייך.

יוסעלע: (שמייכעלט) וואס הייסט? איך האב אייך א גוטען אווינד געווינשען.

איידעלע: ר' יוסעלע בעטראכט מיך שוין פאר איין אלטע, א וודאי איין אלטען מאנס א ווייב, ווערט מען אליין אויך פערעלטערט. אדער

ר׳ יוסעלע בעטראכט מיך שוין פאר א פרעמדע. גלייך איהר וואלט מיך נישט אויף אייער שוים ערצויגען, וויפיעל מאל האט איהר געהאפט א סוף פון מיין טאטען, וואס ער האט מיך נישט געוואלט לאזען אין שולע אריין געהן, ער האט מיך געוואלט אויפציהען אזוי גראב, רוי, פערווילדעט ווי אונזער מינדעל — נור איין ר׳ יוסעלע זעלענפריינד מיט מיין טהייערן שוואגער אהרלע, ווי האבען געקעמפפט מיט מיין ארטהאדאקסישען טאטען, מיט מיין פרימער מאמע, און מען האט מיך געלערינט, געבילדעט. — אבער צו וואס? צו וועמין? (וויינט, שטיקט מיט טרעהרען. ער ווישט זיך דאבייא אויך זיינע אויגען. פויזע) ר׳ יוסעלע טהוט מיר נישט וועה, זאגט מיר נישט איהר. הערצט מיך נישט. דען איהר ווארפט אויף מיר א מרה שחורה, זאגט מיר דו, ר׳ יוסעלע בייזערט אייך אויף מיר, שלאגט מיך אביסעל אן, ווייל איך מאך נישט דיא אויפגאבען, גיט מיר א קניפ אין בעקיל ווייל איך האב שעהן געשריבען, יא, יא ר׳ יוסעלע, וועט איהר מיר אויפמונטערן מיין הערץ, איהר וועט מיר מאכען א ביסעל פרעהליכער מיין נשמה — ר׳ יוסעלע! ר׳ יוסעלע! (וויינט אויף איהם שרעקליך).

יוסעלע: נישט אומזיסט זאגט די וועלט, דעם לוסטיגען דעם פרעהליכען קומט א קעגען מוזיק מיט געזאנג, און א פערביטערטען מיט דאגות און עגמת נפש, קומט אקעגען א לויה מיט טרעהרען. איך בין געקומען מיט עגמת נפש, וואס טרעף איך? וויינען, טרעהרען, יא איידעלע! דו ביסט נישט די ערשטע און אויך נישט די לעצטע, וואס וועלען נאך אויף דער וועלט דורך שטארוינינגע עלטערן, אדער דורך רכילות, שמועות, פלאטקעס, פערליערען זייער גליק און לעבען פאר דער צייט. — אבער איידעלע!

איידעלע: (בערוהיגט זיך) ניין, ניין, ר׳ יוסעלע, מיר פעהלט גאר נישט, מיין מאנן עהרט מיך און שעצט מיך, ער בלאזט מיר אב מיינע טריט, איך בין עם ווי מיין מאמי האט געזאגט א יודישע קיזעריו. — מיין מאמי האט ברוך השם איהרם אנגעלייגט — ר׳ יוסעלע איך האב ביי מיין מאנן געפועלט, ר׳ יוסעלע דעם היינטיגען טאג פיהל איך מיך די גליקליכסטע אויף דער וועלט, אז איך וועל קענען רעטען מיין

אהרלעם גליק און עהרע. מיין מאנן נעמט איבער אלע זיינע וועקסלען און גיט איהם פרישע צעהן טויזענד גולדען, ער זאל חלילה נישט צו שאנדע קומען.

יוסעלע: גוטער מלאך! ווי אזוי האסטו דאס אלעס געפועלט?

איידעלע: אמת׳ע הייסע טרעהרען פון איין עהרליכער פרוי קען ביי איהר מאן אלעס פועלען — ר׳ יוסעלע! אהרלעם כבוד איז גערעטעט, שונאים וועלען חלילה נישט דערפרייט ווערין. (פריידעגט טרעהרע) ר׳ יוסעלע רופט מיר אהער שנעלער אהרלען. (אויפטריט אפענבאך, ערבליקט יוסעלע, יוסעלע בעגריסט איהם).

אפענבאך: אה ברוך הבא א גאסט ר׳ יוסעלע זעלענפריינד ביי מיר איהר ווענט דאך, מיין איידעלעם ליעבלינג, פאר וואס קומט איהר נישט עפטערם אהער? יא, יא, פריינד זעלענפריינד, איך טהו אפילו היינט א זאך צום ערשטען מאל וואס איז געגען מיין ווילען אבער אז מיין איידעלע פערלאנגט עס מוז איך עס טהון. — יא יא ר׳ יוסעלע דער נארישער אחשורוש האט שטארק ליעב זיין אסתר המלכה, און גיט איהר איבער די גאנצע מלוכה. (ערבליקט איידעלען פארוויינט) איידעלע ביזט פארוויינט? איך האב דאך דיך געבעטען, אז איך וויל נישט זעהן קיין טרערען. יענקעל אפענבאדס ווייב טאר נישט וויינען, זיי לוסטיג, לעבעדיג, טאנצענדיג ווי א שעפעלע. מאמעלעבען איך געה דיר געבען א שרייבען און וועלכען איך ערקלער אז אלע וועקסלען פון אהרלע הערצמאן צאהלט יעקל אפענבאך — ר׳ יוסעלע! א שאר וואס איך בין אצינד אלט 60 יאהר. איך וואלט צו מיין גדולה אצינד בעדארפט אלט זיין 30 יאהר (איידעלען קושענדיג) צו אזא לעבטיג טהייער ווייבעלע.

יוסעלע: שאדען אייך דען די יאהרען צו איידעלעם ליעבע? האט איהר חלילה קיינע אונטרייע בעהאנדלונג פון אייער איידעלען דאדורך וואס איהר זענט אלט 60 יאהר?

אפענבאך: א יונגערמאן איז עפיס, עפיס, ליעבער. — עה איך וויים אז מיך נישט ווי אזוי אוים צו דריקען.

איידעלע: יא יא מיין ליעבער מאנן, א פערדארבענע פרוי, איינע אויפ־

געלאסענע, איז אונמאראליש אפילו ביי איהר מאן פון 30 — און איין אנשטענדיגע פרוי איז ערהליך און שעצט איהר אלטען מאן, און רעספעקטירט איהם זיין אלטער (וויינט) מיין ליעבער גוטער מורה דרך ר׳ יוסעלע! אז מען האט מיין מאן גענאגט אויף מיר אלס כלה, אז איך בין מאראליש פערדארבען און אויסגעלאסען, אהרעלעס מעטרעסע, האב איך מיך נאך געפיהלט שטארק דאס איך וועל קענען דורך מיינע ארדענטליכקייט, מיינע עהרע מיין מאן איבערצייגען דאס אלעס איז פאלש און רכילות. — אבער ווי נעמט מען אצינד איבער־צייגונג צו ווייזען מיין מאנן אז איך בין איהם טריי און ערהליך. (וויינט שטארקער) ר׳ יוסעלע גיט מיר דעם כהן גדול מיט די מים המאררים, לאז ער מיר דאס פערשאלטענע וואסער געבען צו טרינקען, און מיך באשווערען מיט די שרעקליכע קללות, אז פערשאלטען זאל איך ווערען פון גאט אויב איך בין מיין מאנן פאלש, אז מיין בויך זאל מיר געשוואלען ווערען אויב איך בין מאנן אונטריי חלילה אפילו (פאלט אין היסטערקע, ביידע לאזען זי נישט וויינען).

אפענבאך: ר׳ יוסעלע! נעמט אייך מיין גאנץ פערמעגען און לאזט זי מיר נישט וויינען — — — וועה איז מיר איך אלטע בהמה וואס האב איך געזאגט — איידעלע לעבען שא, וויין נישט. איך שווער דיר אזוי ווי גאט איז אמת, אז דו ביסט באמת מיר א כשר געטריי ווייבעלע — אוי איך אלט פערד — ר׳ יוסעלע! איידעלע! געהט זאגען אהרלען אז ער זאל גאר קיין עגמת נפש נישט האבען. ר׳ יוסעלע, ווארט איך געה אייך אריין ברענגען א פאפיער אז מיין גאנץ פערמעגען געהער צו אהרלען. אוי איך אלטע בהמה. (קוקט איידעלע אין פנים אריין, א קיש) איך ברענג תיכף אריין. (אב)

(אויפטריט יעקב משולם — מינדיל)

ביידע: א גוטענאווינד! (איידעלע בעהערשט זיך)

איידעלע: קיין עין הרע געסט — שוין נאך א יאהר נישט זעהן.

מינדעל: וועה איז מיר איידעלע! עפיס ביסטו פערוויינט? יעקב משולם, יא?

איידעלע: נו לויף געך זאג דעם טאטען מיט דער מאמען אז מיין מאן

האט מיך געשלאגען — זאגט מיר נור וואס פאר א נייעס זיינען מיר די ליעבע געסט געבראכט? זעצט אייך — א וודאי נישט קיין גוטס. דען צו גוטען איילט איהר אייך נישט.

מינדיל: אוי וועה איז מיר, ווי דאס הארץ זאגט איהר — א וודאי נישט קיין גוטס — איידעלע! דער טאטע זאל לעבען איז גיט קראנק.

איידעלע: (א זיפץ) דאס וויים איך.

מינדיל: איידעלע! דער טאטי זאל לעבען קומט נישט אויף. עס זענען אצינד דארט צוויי דאקטוירים. און דער נאטאר, להבדיל דער רב. דער טאטע זאל לעבען וויל זיי איבערגעבען די צוואה.

איידעלע: נו וואסושע טהוט איהר דא? געהט שנעלער אהין און קוקט וויפיל חלק ירושה איהר וועט האבען.

יעקב משולם: וויפיעל קלערט איהר ר׳ יוסעלע וועט קענען זיין די ירושה?

איידעלע: אייך ליגט נישט אין קאפ וואס מיר פערליערען אזא כשר׳ן טאטען — אייך ליגט אין קאפ די ירושה — א יא מינדיל (איראניש) קוקסט שוין ארוים דער טאטע זאל לעבען זאל צו מאכין איין אויג, װאלסט שוין דערטאפען די ירושה.

יעקב משולם: מיין מינדיל קען זיך נישט בארען מיט׳ן מלאך המות. און די ירושה איז ירושה — ר׳ יוסעלע! איך וואלט געזאגט אז פאר איין אפוטרופוס איבער דער שוויגער זאל דער שווער זאל לעבען מאכין ר׳ יענקעלע אפענבאך, איידעלעס מאן.

מינדיל: פערתמטער חסיד וואס דו ביסט — ווי דען? איז דען עפים איין אנדער קלער? דער טאטע זאל לעבען ווייסט אז ביי מיר האט די מאמע זאל לעבען נישט וואו צו זיין, און ביי אהרלען וועט די מאמע נישט וועלען זיין, און ביי דיר קיין עין הרע אין אזעלכע פאקאיעס ווי ביי איין מלכות.

יוסעלע: איהר ווייסט קיינער נישט ווי אזוי אייער טאטינס צוואה וועט זיין, מיר האט ער זי א מאל געוויזען.

יעקב משולם, מינדעל: (ביידע נייגעריג) ווי אזוי? ווי אזוי?

יוסעלע: אייער טאטע זאל לעבען (צו מינדלען) איך ווינשע איהם גיכער פון

דעם נאַצען הערץ ווי איהר. – האט מיר אַ מאל געוויזען זיין צוואה, און די לויטעט אז כל זמן אייער מאמע וועט לעבען איז די בעל־ביתטע איבער אלעמען, – זי האט איבער אלעם צו שאַלטען און צו וואַלטען, און ערשט ביי 120 יאהר זאל אייער מאמע אַליין אַינטהיילען דאס פערמעגען.

מינדיל: נו! וואס הייסט? ווער האט דען מעהר אַ רעכט צו דער מאמע זאל לעבען ווי איך? איך די עלצטע טאכטער – איך האב אויף דער מאמען זאל לעבען תמיד געלייגט כבוד, און וועל אויך ווייטער לעגען.

יעקב משולם: (אַ חסידיש נעלעכטעריל) הער! הער! וואו דען וועט די שוויגער זאל לעבען האבען אַ בעסערע כשרה היים ווי ביי אונז? ביי אונז וועט זי הערען קידוש און הבדלה, – ביי אונז וועט זי שמעקען צו די בשמים – ביי מיר וועט זי הערען חנוכה ליכט בענטשען, די מגילה לייענען, קינות זאגען וכדומה, וכדומה, וועט זי אַלעס ביי אונז האבען.

איידעלע: און ביז ווי לאנג?

יוסעלע: דאס ווייסען זיי אַליין שוין, דאס דאַרפען זיי אונז נישט געבען צו פאַרשטיין.

מינדעל: וואס טויג מיר דאַרטען נאַרישקייטען. ווייסט איידעלע פון וואַנען מיר געהן, און נאך וואס מיר זענען צו דיר געקומען? מיר געהן פון דעם אַדוואַקאט. אַזוי ווי מיר ווייסען בעשטימט אַז דער טאַטע זאל לעבען וועט אַהרלען מעביר נחלה זיין.

יעקב משולם: וואס דען? ער וועט איהם נישט מעביר נחלה זיין, אַז די גאַנצע צייט וואס דער שווער זאל לעבען ליגט געפעהרליך, איז ער נישט געקומען דעם שווער זאל לעבען מבקר חולה זיין.

מינדיל: האט אונז געזאגט דער אַדוואַקאט, אַז מיר מוזען זעהן, דער טאַטע זאל לעבען זאל אויף אַהרלען אָבשרייבען חאטשי 100 גולדען, ווייל אַז ער וועט איהם גאר נישט אָבשרייבען, קען דערנאך אַהרלע שטערען דעם טעסטאַמענט, און מען וועט איהם מוזען געבען אַ גלייך חלק.

איידעלע: גלייב מיר מינדיל, איך שעהם מיך נור וואס דו ביסט מיין שוועסטער און האסט אַזוי ווייניג געפיהל, אַז אין דער צייט ווען דער טאַטע ליגט אויף דעם טויטען בעט ליגט דיר נישט מעהר אין קאפף ווי צוואות, ירושות. שעהם דיך חלעבין!

מינדיל: קוק נור אַן מיין אשה צנועה. אין דער צייט ווען דער טאַטע זאל לעבען ליגט אויף דעם טויטען בעט. נו! איז וואס? הרג'ע איך איהם? גאט וויל אַזוי.

יעקב משולם: און גאט ברוך הוא טאר מען נישט פרעגען קיין קשיות, נאר זאגען גם זו לטובה, – און ברוך דיין אמת.

איידעלע: (ווערט שטארק אויפגערעגט) מינדיל! נאך וואס ווענט איהר אַהער געקומען? וואס ווילט איהר? געהט פיליוויט דעם טאַטינס נשמה און נעמט ירושה. געהט טרעטט מיך אָב.

יעקב משולם: איך האב געמיינט זיי וועלען אונז פאַרשטיין און מאַכען אַ געשעפט.

מינדיל: וואס טויגען זיי מיר מיט די פוסטע זאַכען. קום יעקב משולם לאָמיר בעסער געהן צום טאַטען זאל לעבען, לאָמיר איהם פיליוועט מיט מעדיצין (יעקב משולם וויל נאך עפים רעדען, מינדעל גיט א קוויטש) יעקב משולם געהסט צי גיין? (ער דערשרעקט זיך און לויפט).

איידעלע: (גיט זיי א עפין אויף די טהיר צייגט זיי זאלען געהן. מיט כעס) געהטס!

פערוואַנדלונג

(אַ צימער ביי ברײנדעלען. ברײנדעלע, דבורה, ברײנדעלע אויפגערעגט צו דבורה).

דבורה: דו פערלאַנגסט נישט איך זאל צו דיר קומען, גוט, איך בין דיר מוחל – נור דאס איז תמיד דער דאַנק פאַר'ן גוטען, פאַר'ן טרייַשאַפט.

ברײנדעלע: שוין גענוג מומע מיך בעזוכט. דיין טרייַשאַפט האט מיך שיער פון דער וועלט געבראַכט – דיינע פלאַטקעס מיט רכילות האבען מיינע צוויי קינדער שיער פאַר יתומים געמאַכט. מומע איך בין איך מוחל אייערע וויזיטען.

דבורה: אבער בריינדעלע. איך זאל אזוי דערלעבען צוזעהן שטעהן מיין ראצעלען מיטן רעכטען זיווג אונטער דער חופה ווי איך האב אליין געזעהן אהרלען נעבטין אריינגעהן צו איידעלע מיט יוסעלע זעעלענ-פריינד, עס האבען נאך מענשען געזעהען.

בריינדעלע: מומע דבורה - געהט. איך וויל אייך, מעהר ביי מיר נישט זעהן. איהר זענט א גיפטיגע שלאנג. איהר טיליט אייך איין און דרעהט ארום דעם מענשען אום איהם צו געבען א ביסם צום טעטין. געהט און מעהר זאלט איהר מיין שוועל נישט איבערטרעטען, געהט (דבורה אב) זועה איז צו דעם מענשען וואס לאזט צו זיך צו רכילות מיט שמועות. ווען איך איבערצייג מיך נישט פון מיין אהרלעס ליעבע און מיין שוועסטערס טריישאפט צו מיר, וואלט איך שוין לאנג געוועזען דורך די רכילות פון דער וועלט געגאנגען פאר דער צייט. אזי מענטשעלע טהו אללעס מיט איבערלעגונג און האב קיין זארגען. און זיי אויף זיך אליין קאפריז, לעב היינט. פערלאז דיך נישט אויף מארגען — ווייל דו ווייסט נישט וועמים מארגען ס'איז.

.1

אין גאטטס גרויסער הערליך שעהנער וועלט,
ווי מיליארדען שטערן שיינען פיין,
קומט דער מילב דער מענש און וויל זיין א העלד,
און ער וויל א גאנצער מאכער זיין,
וואס ער זעהט נור קען איהם נישט גיפעלין,
א דעה וואלט ער אויף אלע געזאגט,
מען קען איהם מיט קיין זאך צופרידענשטעלען,
א יעדען וואלט ער נור איבער געיאגט,
ער שפאנט — און ער פלאנט,
און ער טראכט — און ער מאכט,
זיך אליין פאר איין בעל בית,
ער ברענט — און פאלעגט,
ער ברעכט — און ער שטעכט,

פרעג ביי איהם ווייסט ער ניט פאר וואס,
ער האפט — און ער לאפט — אויף ניך,
און זעהט נישט הינטער זיך,
וואס עס ווערט פון זיין גליק,
ווען מען רופט איהם צוריק — אוי צוריק — אוי צוריק.
(רעפריין) מענש אוי געוואלט האב קיין זארגען,
און זיי אויף זיך אליין קיין קאפריז,
לעב היינט פארלאז דיך נישט אויף מארגען,
ווייל דו ווייסט נישט וועמים מארגען ס'איז!

(רעפריין צוויי אמל)

.2

פון דעם צווייטען דור לאכט זיך דער יונגער אוים,
דאס יודישקייט אוי האלטין זיי פאר קליין,
זיי בלאזין זיך און זענען ביי זיך גרוים,
אלעס וואס איז אלט האט ביי זיי קיין חן,
דעם היפך צו זעהן פון 2 דורות,
ווי קינדער פון עלטערן זענען ווייט,
זיי האבען שוין פאר זיך גאנץ אנדערע תורות,
אנדערע מנהגים ווי פאר זייער צייט,
מען האסט — און מען שפאט,
און מען לאכט — און מען מאכט,
פון דעם גאנצען היילגטום אז אך און וועה,
פון גאט — און געבאט,
פון נאציאן — פון רעליגיאן,
אלעס איז א נארישקייט ביי זיי,
דאך ווי איז זייער קראפט,
צי האבען זיי געשאפט,
מעהר הכמה מעהר גליק?
רופט מען זיי קען ניט צוריק — אוי צוריק, אוי צוריק!
(רעפריין) א. ז. וו.

פערוואנדלונג

(שטעלט פאר אין צימער איינגעריכטעט ווי ביי א קראנקען. מיט מעדיצינען. — ניסעלע, שטארק בלאס, זיצט אין א פאטעל. פעשי, יעקב משולם, מינדעל און ווייערס א מיידיל פון 13 יאהר. צוויי דאקטוירעם זענען אויף איין קאנסיליום. ווען דער פארהאנג געהט אויף, איז שוין נאך דער בעהאנדלונג.)

פראפעסאר: יא, יא, מיין ליעבער הער פייער, נור זיך נישט שרעקען, גאט וועט העלפען — די מעדיצין האף איך, וועט איהנען פיעל לייכטער מאכען.

ניסעלע: (מיט שטאנדהאפטען שמייכעל) וואס זאגט איהר, הערר דאקטאר? די מעדיצין וועט מיר בעסער מאכען? יא, יא, הערר דאקטאר, „פרעגט נישט דעם רופא, נור דעם חולה" — זאגט די וועלט. זאגט נאר הערר דאקטאר, האט זיך שוין א מאל דער נס געטראפען, אז ווען עס ברעכט אויס א וואונדע ביי א צוקערליידענדען, זאל ער נאך עפים לאנג לעבען?

דאקטאר: הערר פייער, וואס ווייניגער דאקטער איהר וועלט זיין, און ווייניגער מבין אויף מעדיצינישער קונסט, וועלט איהר בעדייטענד שנעלער געזונד געווארען, ה' פייער! נור זיך נישט שרעקען, און איהר וועט געזונד ווערען — אדיע — (אין דער צייט געהט צו איהם צו מינדעל און גיט איהם איין די מעדיצין. יעקב משולם רעדט עפים צו איהר — דער דאקטער אין דער צווייטער זייט צו פעשי) פרוי פייער! איך בין היער, אום 8 איהר פריה, אבער די נאכט זאל מען איהם נישט לאזען די גאנצע נאכט אליין, ומען מוז לעבען איהם זיצען, אדיע, אדיע! (ביידע דאקטוירעס אב.)

ניסעלע: פעשע! האט מען אריבערגעשיקט צו אהרלע?

פעשע: יא, בריינדעלע איז אליין נאך איהם געגאנגען.

(אויפטריט: אפענבאך, איידעלע אונד ד'ענסט מיט קינד.)

איידעלע: (קישט ניסעלען) טאטיניו! דו שרעקסט אונז אלע מאל נאיבער, געמסט אונז ארויס דאס לעבען. מאמיניו! וואס האט געזאגט דער פראפעסאר?

ניסעלע: דער פראפעסאר האט אפילו געזאגט, אז עס איז נאך נישט חלילה אזוי געפעהרליך — אבער איך בין מעהר מבין ווי זיי אלע. — איידעלע, מיין מיזינקאלע (קישט זי) איך וויים, איך וויים, האסט דעם

טאטען ליעב, דו ווילסט אוודאי דיין רעשט יאהרען אוועקגעבען דעם טאטען, אבי דער טאטע זאל לעבען. נור קינד מיינס, עס איז אבער אסך זיסער, פיעל געשמאקער, אז קינדער געהען נאך איין אלטען טאטענס לויה, ווי איין אלטער טאטע געהט נאך דעם קינדס לויה! לאז איך גאט העלפען, מיינע קינדער און איינקליך אז איהר זאלט דערלעבען מיינע יאהרען — א וודאי וואלט איך געוואלט גאט נישט שענקען מיינע 5 יאהר, איך זאל האטשי נאך צו לעבען ביז 70 יאהר — וואלט איך אפשר נאך דערלעבט איין איינקעלס חופה (צייגט אויף מינדעלס קינד און לאזט עטליכע טרעהרען) נאר אז מען רופט קינדערליך, מוז מען געהן — גאטיניו! בידך אפקיד רוחי, בעת אישן ואעירה, (טרויריגע פויזע) פעשיניו! גיב מיר מיין שבתדיגען טלית מיט'ן קיטעל —

אללע: טאטיניו!

איידעלע: טאטיניו! ווארפסט אויף אונז אלע א מרה־שחורה — טאטיניו! דערקוטשע אונז נישט! (וויינט)

ניסעלע: פעשיניו! איך בעט דיך טהו מיר צו ליעב, גיב מיר דעם טלית מיט'ן קיטעל (פעשי דערלאנגט איהם דאס. ער נעמט ארוים דעם טלית, בעטראכט די ציצית) אלע ציצית כשר, (בעטראכט דעם קיטעל) פעשיניו! איך בעט דיך דעם קיטעל מיר תיכף געבען צו וואשען, ער איז א ביסיל שמוציג — ואת חלקי מכל עמלי (בעטראכט דעם טלית און קיטעל) פון מיין גאנץ פערמעגען, פון מיינע הייזער, שלעכער, ביידענע מלבושים — וועלען מיך די צוויי קליידער בעגלייטען צום דין וחשבון אבגעבען לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא —

(אויפטריט: פייוועלע, יודעלע, אהרלעס צוויי קינדער.)

פעשי: נו, מיינע איינקליך, זאלען לעבען.

פייוועלע: די מאמע מיט'ן טאטען געהען.

איידעלע: טאטיניו! אהרלע געהט מיט בריינדעלען.

ניסעלע: (רופט צו די קינדער אהרלעס, קישט זיי) האט עפים די מאמע שטארק געבעטען, ביז דער טאטע האט געוואלט געהן,

פייוועלע: גיין זיידיניו ! די מאמטשיניו האט נור געזאגט דעם טאטען, און דער זיידיניו האט געבעטען דעם טאטען צו קומען.

(אויפטריט : אהרלע, ברײנדעלע.)

בריינדעלע: נו, טאטיניו ! וואס טהוסטו ? אט איז דא מיין אהרלע.

אהרלע: (געהט צו איהם צו) וואס טהוט איהר שווער ? ווי פיהלט איהר אייך ?

ניסעלע: (רופט איהם צו נעהנטער — קישט איהם — נעמט איהם ארום) ועץ דיך נעבען מיר. — קינדער ! אלע מיינע קינדער, קומט אהער נעהנטער צו מיר צו אייער טאטען — פעשעניו זעץ דיך — (געשידט) קינדערליך — לויט דער מדרש זאגט, — האט יעקב אבינו געבעטען, און געפועלט ביי גאט, אז א מענש איידער ער שטארבט זאל ער פריהער קראנק ווערען, כדי צו קענען מאכען א צוואה, איבער צו געבען זיינע קינדער, זיינע יורשים דאס וואס ער האט פארהאריוויט אין זיין גאנץ לעבען — צו בענשען זיינע קינדער איידער ער שטארבט, זיי אן צו זאגען א ביסעלע מוסר — — מוסר מיינע קינדערליך דארף איך אייך נישט אן זאגען, איהר זענט שוין נישט קיין קליינע קינדער — נור אייך איבערגעבען מיין פערמעגען, און אייך צו בענשען פאר מיין טויט — דאס וויל איך. (נעמט א פיר שליסעלעך) אהרלע ! — דיר גיב איך איבער די שליסעל פון מיין פערמעגען, געה און עפען אויף מיין קאסע־קאסטען און נעם ארויס מיין צוואה. (אלעס גאין אין פערזינקענער פאזיציאן.)

אהרלע: שווער — צו וואס טויג דאס אלעס - מיר זענען ברוך השם אלע געזונד ביי אייך — אייער ירושה פעהלט אונז נאך נישט קיין איינציגען — עס פעהלט אונז נור דאס איינע, השי״ת זאל אייך שיקען א רפואה שלימה, און איהר זאלט נאך דערלעבען צו זיין א מחותן (צייגט אויף איידעלעס קינד) אפילו ביי יוסעלען אויף דער חתונה.

יעקב משולם: איך פערשטעה דיך נישט אהרלע, פאר וואס ווילסטו נישט טהון דעם שווערס ווילען זיין רצון, — ער בעט דיך געה און נעם עס ארויס.

ניסעלע: יא־יא־ מיין קינד, צו דערלעבען איינקלעד׳ס חופה איז א

וודאי א זכות פון זיין ליעבען נאמען. — נור ישועת ד׳ כהרף עין — דוא ווינשט עס מיר, אנווינשען שאד נישט — און ירושה פון א שווער שאד אויך נישט — (א בליק אויף יעקב משולם׳ן) און צו בענשען קינדער און קינדס קינדער א שעה פאר׳ן טויט שאד אויך נישט (גיט איהם די שליסעליך) נעם אהרלע און טיה — — דעם שווערס רצון. —

אהרלע: (געהט צו, עפענט דעם קאסעקאסטען נעמט ארויס א גרויסען טאשער, גיט עס ניסעלען — ניסעלע נעמט ארויס א פאפיער און האלט עס אין דער האנד.)

ניסעלע: דאס איז מיין צוואה — וואס איך טהייל איין מיין פערמעגען פון 150 טויזענד גולדען — צו 25 טויזענד גולדען אויף א יעדען קינד — די מאמע איז א גלייכער יורש פון 25 טויזענד גולדען — און 20 טויזענד גולדען האב איך אביסעל מיך אויך פערזארגט. זיי זענען דא איינגעטיילט אויף עולמות — און דיך אהרלע מאכע איך פאר איין אפוטרופוס איבער אלעמען — (גיט איהם איבער די צוואה — רופט צו מינדלען איך יעקב משולם׳ן מיט׳ן מיידעל) מינדעל, דו ביסט מיין עלצטע טאכטער — ביסט א כשרה יודישע טאכטער, קום אהער לאז דיר דיין טאטע געבען דיין לעצטען קיש — (קישט זיא — וויינט — בערוהיגט זיך) יעקב משולם (קישט זיך מיט איהם) איך גיב דיר איבער מיין קינד זאלסט זיא בכבוד האלטען ווי א יוד א תלמוד חכם דארף זיין ווייב בכבוד האלטען (נעמט צו זיך צו זייער מיידעל פון א 14 יאהר — קישט זיא) דו ביסט מיין עלצט איינקעל זאלסט זיין גוט און פרום און געהן אין דרך הישר וויא דיינע טאטע מאמע לערנען דיך (ווי געהן אין א זייט). בריינדעלע מיט׳ן קינד קום צ לאז דיר דיין טאטע געבען זיינע הייסע עטליכע קיש — איידער ער שיידעט זיך פון אייך אויף עווינ (קישט זיא) אהרלע! פון דיר האב איך אביסעל געהאט עגמת נפש — איך א חסיד דו א משכיל — אויף יענער וועלט אויף דעם עולם האמת וויל איך דארטען זעהן ווער עס איז פון אונז ביידע גערעכטער געוועזען (קישט איהם, וויינט) איך בעט דיך גיב מיר אכטונג אויף מיין ברײנדלען — זעהט קינדערליך, זעהט, עס זאל זיין ביי אייך שלום בית וויא איך ווייס דו אהרלע האסט עס ליעב (אלעס געהט אין א זייט). איידעלעבען, דיך האב איך איבער געגעבען צו א טאטען אין דיא הענד אריין (גלייך וויא ער האט דאסון אביסעל ענטפ״)ש.

קיסט זיא) און דוא מיין ליעבער אידעלע — גיב מיר אַכטונג אויף מיין יונג שעפעלע — (קיסט זיך מיט איהם, וויינט) — און דוא פּעשעניו! אַחרון אַחרון חביב (אידעלע שלאגט איהם איבער דיא רייד)

אידעלע: טאַטיניו! וויפיעל כחות מיר האבען געהאט האסטו אצינד פון אונז אוועקגענומען מיט די שמערצען — נור טאַטיניו! האסט נאך עמיצען פערגעסען דיין ברכה צו געבען — דיינע זיסע ליפען צו צו דריקען צו מיין טהייער שעפעלע! (פיהרט איהם צו דאס קינד) טאַטיניו! יאָסעלע שטעהט און וואַרט אויך אויף דער ברכה פון דיין זיידעניו!

(ניסעלע נעמט דאס קינד נעבען זיך).

ניסעלע: קינדערלעך! איך שטאַרב... און פאַר מיין טויט קוק איך אויף מיין פאמיליע וואס איך לאָז איבער — איך גיב אב גאָטט מיין נשמה מיט פול שמחה אז איך קוק און זעה קיין איינציגען פּגם אין מיין משפחה — (דריקט שטארק צו דאס קינד צו זיך און ציטערט זיך שרעקליך) גאָטיניו — בענטש מיר איהם, ער זאָל מיר חלילה אויך נישט זיין קיין פּסול אין מיין משפחה.

אידעלע: טאַטיניו! ער איז חלילה נישט קיין פּסול אין דער משפחה (טרערען שטיקען)

ניסעלע: אוי מיין קינד, מיין קינד (וויינט שטארק) עס ווערט מיר שלעכט.

אהרלע: שווער! בערוהיגט אייך — אז איהר האט קיין פּגם אין אייערע קינדער דאס זעהט איהר און אויב איהר ווילט וויסען צו איהר לאָזט חלילה נישט איבער אפּסול אין אייער משפּחה, בעט איך אייך איהר זאָלט זעהן וואס א מענש מיט השכלה, מיט בילדונג, געהט מאַכען א א צערעמאָניע וואס איז קענען זיין ווילען — אום דערמיט צו רעטען די עהרע פון איינער פרוי וואס איך האב זי תמיד געוואָלט גליקליך זעהן (נעמט דעם טלית און קיטעל מהוט איהם אן) — שווער! אין די מלבושים ערשיינט מען פאר דעם געריכט פון דעם בית דין של מעלה. און אין די מלבושים שווער איך אייך ביים נאָמען אל שדי — אז אידעלע איז א צדיקת, איין אשה צנועה טריי צו איהר מאַנן און עהרליך צו גאָט. און אז דאס קינד איז חלילה נישט קיין פּסול אין דער משפחה. שווער! בענטש אייער כשר עהרליך איינעקעל! — (ער פיהרט דאס קינד צו ניסעלע — אידעלע וויינט אין דיא ארם פון איהר מאַנן).

יאָסעלע: (לייגט ארויף דיא הענד אויף דעם קינד — און זאגט שוואך) הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל רָע יְבָרֵךְ אֶת הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ. — (פּאָזיציאָן)

פאָרהאַנג פאַלט.

HAUSFRIEDE

ODER

LEIDEN UND EIFERSUCHT

Lebesnbild in 4 Akten

von

MORRIS RICHTER.

LEMBERG, 1907.

Verlag u. Eigenthum des D. Roth, Buchhandlung
Lemberg.

Druck von Josef Fischer in Krakau.